

ב"ה

אידיש

# פארברענגען עם הרבי

התוועדות
י"ט כסלו תשד"מ

קיצורי השיחות נועדים להקל על התלמידים שי'
לעקוב אחר השיחה, ופשוט שהוא כולל רק חלק
מהענינים המדוברים, בדרך אפשר וללא אחריות
כלל וכלל, ושגיאות מי יבין.

Published and Copyrighted by
VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI
770 Eastern Parkway, Brooklyn N.Y. 11213
Tel: (718) 771-9674
Email: vaad@vaadhatmimim.org
5777-2017

# סיכום וקיצור

מהתוועדות י"ט כסלו וש"פ וישב כ' כסלו ה'תשד"מ (מוגה)

ציוני האותיות בסיכום זה לפי חלוקת האותיות בהנחת 'ועד הנחות בלה"ק'

קיצור זה נועד להקל על התלמידים שי' לעקוב אחר השיחה, ופשוט שהוא כולל רק חלק מהענינים המדוברים, בדרך אפשר וללא אחריות כלל וכלל, ושגיאות מי יבין.

**מכיון שמצב העולם הולך ומתדרדר, "מלכיות מתגרות זו בזו", וגם בין בנ"י מתפשטת ההנהגה דהיפך אהבת ישראל - מן הראוי להוסיף בתפלה ענינים הנוגעים לב' ענינים אלו: אמירת "הריני מקבל כו'" (שענינו - אהבת ישראל, הפועלת אחדות גם בעולם כולו) לפני התפלה, ו"אך צדיקים גו' ישבו ישרים גו'" (ישיבה במנוחה, היפך הענין ד"מלכיות מתגרות") (א-ד)**

**בנוגע לטענה ש"חדש אסור מן התורה" - הרי מנהגים אלו הובאו בכו"כ ספרים בדורות שלפנינו, וההצעה היא רק לנהוג כך בגלל המצב כו' (ה-ו)**

**שיחה א.**

## 1) פתיחה:

בכל עניני תורה (כולל הגאולה די"ט כסלו) מודגשים שני הענינים - ענין ה"יושן" (חוזק ותוקף) וענין ה"התחדשות" ("כחדשים" עד "חדשים" ממש); ובשני הענינים ישנה הוספה משנה לשנה (א-ב)

## 2) י"ט כסלו וחנוכה: הפצת המעיינות חוצה:

חנוכה ענינו נס השמן, דקאי על רזין דרזין שבתורה (בחי' תענוג הבא לאחרי לחם ומים - נגלה דתורה), ובשמן נעלה זה (שהי' מונח בחותמו של כה"ג השתמשו כדי להאיר את העולם; וזהו הענין די"ט כסלו - הפצת המעיינות (רזין דרזין שבתורה) חוצה (ג-ה)

ביאור החידוש דאדה"ז בהפצת המעיינות חוצה: ב"חוצה" כפשוטו - דאף שגם לפנ"ז הי' לימוד פנימיות התורה פועל על כל הדור, הרי פנימיות התורה עצמה היתה רק במקומות מסויימים, והחידוש דאדה"ז הוא, שבגלל התגברות חושך העולם יש להביא את המעיין עצמו "חוצה" (כמשל בן המלך); וב"חוצה" שבאדם - שפנימיות התורה תחדור בהבנה והשגה עד למעשה בפועל, "יתפרנסון", ועי"ז גם לימוד נגלה דתורה יהי' חדור ברגש זה (ו-ח)

שייכות הענין ד"מעלין בקודש" (שישנו הן בי"ט כסלו והן בחנוכה, כנ"ל ע"ד השייכות ביניהם) להפצת המעיינות חוצה: הכח לחגוג באופן ד"מעלין בקודש" הוא ע"י הגילוי שיהי' לעת"ל, שלמע' מההגבלות דזמן ומקום (ט-י)

ההוראה בפועל: החלטות להוספה בלימוד פנימיות התורה ובהפצת המעיינות (יא)

**שיחה ב.**

## 1) י"ט כסלו: השפעה על אומות-העולם:

הביאור בזה שאדה"ז מאריך במכתבו בקשר להגאולה ע"ד פעולת הגאולה

על "כל השרים וכל העמים" (למרות שהמכתב נכתב ליחידי סגולה ומבוארים בו ענינים נעלים כו'), ובאופן המובן לכאו"א: הגאולה הפרטית דכאו"א צ"ל לא רק בעניני תומ"צ, אלא גם ב"כל מעשיך" ו"כל דרכיך"; נוסף לזה צ"ל התעסקות בקידוש שם שמים אצל אוה"ע, כולל השפעה עליהם לקיים שבע מצוות בני נח (וכפסק הרמב"ם בזה) (יב-ח)

הטענה שפסק הרמב"ם אינו אמור בזמננו מופרכת, כי זאת התורה לא תהא מוחלפת, ובפרט דברי הרמב"ם שנאמרו ברוה"ק וכוללים סודות התורה; הטעם שבעבר לא ראו שיעסקו בקיום הלכה זו - כי לא היתה אז האפשרות לכך, משא"כ עתה (ואדרבה - בדורנו נעשה הקשר עם אוה"ע הדוק יותר, ויש לנצל זאת להשפעה עליהם); לאמיתו של דבר היו שעסקו בכך גם בעבר; הטוענים "קשוט עצמך ואח"כ כו'" - טוענים כך גם בנוגע ליהודים (יט-כב)

הכרת אוה"ע שנס הגאולה הי' "מאת ה'" (ולא "אלקים") - מעין לעת"ל, כאשר "ונגלה כבוד ה'"; ולכן האריך בזה אדה"ז כ"כ, כי ההכנה להגילויים דלעת"ל היא ע"י מעשינו ועבודתינו עתה בענין זה (כג-ד)

## 2) רגע של שתיקה:

לטענה של כמה מבנ"י שהדבר נוגד את החוקה: ראשית, מה נוגע להם כ"כ החוקה; ושנית - אין בזה סתירה לחוקה, כי זהו רגע של שתיקה בלבד, וכל ילד ינצלו כהוראת הוריו, והדבר ישפיע עליו לטובה; כיון שהיתה פריצת דרך בענין, יש לנצל זאת עתה (כה-ח)

ההתעסקות בענינים האמורים פועלת שלום בעולם, ומיד אחרי ההחלטה - לפני התחלת ההתעסקות עצמה (כט-לא)

**שיחה ג.**

## 1) אדמו"ר הזקן: חינוך ע"י מעשה בפועל:

כל רבותינו נשיאינו מסרו נפשם על ענין החינוך (שהוא יסוד עיקרי בהבריאה), ובזה גופא ב' אופנים - חינוך ע"י דיבור, וחינוך ע"י מעשה בפועל; המיוחד באדה"ז - שעסק במיוחד בעניני מעשה בפועל, וכידוע הסיפור שהלך ביוהכ"פ בשעת התפלה לעזור ליולדת, כיון שהמעשה בפועל הי' חשוב אצלו יותר ממדריגת התפלה ביוהכ"פ; ההוראה לכאו"א - שככל שהוא שקוע בענינים נעלים ביכלתו לעסוק גם בדברים פשוטים (לב-ט)

## 2) י"ט כסלו: השפעה על אומות-העולם (המשך):

הוראה נוספת מהאמור - בענין ההשפעה על אוה"ע: גם יהודי שעסוק רק בעניני קדושה כו' עליו לפעול על הגוי, ואדרבה - כיון שאינו זקוק לו לפרנסתו השפעתו עליו גדולה יותר; זהו ה"נסיון" שהקב"ה מעמידו בו (מ-מב)

העסק בענינים האמורים מביא את הגאולה, שבה תתקיים בקשת יעקב "לישב בשלוה" (מג)

שיחה ד.

## 1) חלוקת הש"ס (מד)

## 2) סיום הש"ס: כללי הסיום:

ב' הכללים בסיום - "מסיימים בטוב" ו"מתכיפין התחלה להשלמה" - בסיום הש"ס: במשניות - בענין השלום, ובגמרא - בענין ד"א"ת הליכות אלא הלכות"; השייכות להתחלת הש"ס - כי ענין השלום שע"י התורה הוא ע"י ההלכות, ענין המצוות, וזהו הענין דק"ש - קבלת עול מצוות (מה-ח)

ב' כללים אלו בסיום מסכת ברכות: בבבלי - בענין השלום, ובירושלמי - בפסוק "וכל בניך גו'" (והטעם - כי בבבלי הוא ביתר פירוט, ועוד - כי להירושלמי אין צורך לסיים דוקא בדבר הנעלה ביותר); השייכות להתחלת המסכת - כי הענין דק"ש שייך לביהכנ"ס וביהמ"ד, שע"ז מדובר במאמר האחרון (מט-נא)

ב' כללים אלו בסיום סדר זרעים: במשנה - ב"קדשי המקדש", והשייכות להתחלת הסדר - "לאכול בתרומתן"; בירושלמי - "צדקתו עומדת לעד", והשייכות להתחלה - כי בשניהם מדובר על ענין שהוא חיוב וענין שהוא סייג (נב)

הטעם שהירושלמי אינו מסיים בדבר טוב - י"ל שהסדר בירושלמי הוא "נזם קטן" ולא "זמן נקט" (נג)

ב' כללים אלו בסיום הרמב"ם: התחלת ספר המדע וסיומו - שניהם בענין ידיעת ה', וכן סיום ספר "יד החזקה" כולו (נד-ה)

# מאמר ד"ה זה היום תחלת מעשיך

שיחה ה.

## 1) אמירת "הריני מקבל" ו"אך צדיקים" (נז)

## 2) סיום:

ניגונים וחלוקה לצדקה (נח)

שיחה ו.

## 1) טעם התחלת המאמר:

הטעם להתחלת המאמר בפסוק "זה היום תחלת מעשיך" (ולא "פדה בשלום") - כי התחלה זו מתאימה יותר לקביעות די"ט כסלו ביום ו' (נט)

## 2) סיום:

ניגונים וחלוקה לצדקה (ס)

## 3) מבצעים (סא)

## 4) "מיהו יהודי":

לאחרונה הכריזו יהודים שלטובת היהדות אין צורך בתיקון הגזירה, ואינו מתבייש לפרסם זאת ברבים; ויה"ר שיחזור בו ויודה על האמת, ועי"ז יבוא גם השלום (סב-ג)

שיחה ז.

מבצע חנוכה (סד)

**בס"ד. קטע משיחת אור לי"ט כסלו ה'תשמ"ד.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

**שיחה א**

א. דער צוזאַמענקומען זיך איצטער איז דאָך דאָס ידוע ומפורסם, אַז דאָס איז אין פאַרבינדונג מיטן יום הגאולה פון דעם אַלטן רבי'ן, דעם מחבר פון תניא און שולחן-ערוך,

וואָס אע"פ וואָס דאָס איז דאָך געוועןַ אַזויפיל יאָרן צוריק, איז דאָך, ווי אַלע ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט תורה און אידישקייט בכלל, וואָס "התורה זו לא תהי' מוחלפת",

און נאָכמערער, אַז ס'איז דאָ דער חיוב אין תורה, אַז "בכל יום יהיו בעיניך כחדשים" - די ערשטע גירסא מיט אַ כ"ף, און דערנאָך דאַרף מען צוקומען, ווי רש"י ברענגט אויך אַראָפּ די צווייטע גירסא,

[ובפירושו על התורה, וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז ניט נאָר על-דרך הרמז, אָדער הסוד, אָדער הדרוש, נאָר דאָס איז אויך אין פשוטם של ענינים, ובפרט אין דעם ענין, דאָס איז דאָך דער דרך הפשט, וואָס דאָס איז דאָך פשוטו של מקרא, אָט דאָס איז פירוש רש"י על התורה],

אַז ס'ווערט פאַרלאַנגט פון יעדער אידן, אַז אין אַלע ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט תורה, גייט ער טאַקע מן הקל: פריער איז דאָס "כחדשים" - אָבער ער דאַרף גלייך אָנקומען אויך אל הכבד - ואדרבא - דאָס איז דער עיקר - אַז דאָס איז "חדשים" ממש,

און אַזוי בלייבט דאָס דערנאָך, אַז ניט נאָר דאָס איז ניט מוחלפת - נאָר ס'האָט אין זיך, ביחד עם זה, ניט "כדיוגטמאָ ישנה" וואָס ס'איז אינה מוחלפת - האָט דאָס אין זיך ביחד עם זה אויך די מעלה וואָס דאָס איז אַ דבר חדש; אַ חדש על-פי תורת אמת,

און בשעת תורת אמת פאַרלאַנגט ביי אַ אידן, איז דאָך דאָס - בלשון המדרש - "איני מבקש אלא לפי כוחן".

וואָס דאָס איז דאָך אויך אין פשוטם של דברים פאַרשטאַנדיק, אַז מ'וועט דאָך ניט פאַרלאַנגען פון אַן ענין, אָדער פון אַ זאַך, אָדער פון אַ מענטשן, אָדער פון אַ אידן במיוחד - אַ זאַך וואָס איז שלא בכוחו,

איז דאָך מובן בפשטות, אַז דער אויבערשטער, וואָס ער איז דער "נותן התורה", וביחד עם זה דער בורא האדם און אויך ומנהיגו,

ובפרט לויט תורת הבעש״ט - וואָס דער אַלטער רבי ברענגט דאָס בספר תניא קדישא שלו - אַז ״דברך הוי׳ נצב״, אַז בכל רגע ורגע ווערט די התהוות מחדש, פונקט ווי ס׳איז געווען בפעם הראשונה אַ חידוש מאין ואפס ממש,

עד״ז איז דאָס אויך בהנוגע צו אידן, ובמיוחד - בענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט תורה.

ב. וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז אדרבא, אַז ס׳גייט דורך נאָך אַ יאָר - קומט-צו; ניט נאָר די זאַך ווערט ניט שוואַכער, נאָר ס׳קומט-צו נאָך אַן ענין, אַז דער תוקף מצד היושן שלו,

וואָס ס׳איז דאָך דאָ אַ תוקף מצד ״לא תהי׳ מוחלפת״, וואָס פון דערויף גופא איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת מ׳זעט אַז ס׳גייט-דורך נאָך אַ משך זמן, און ס׳איז ניט געוואָרן קיין שינוי - איז דאָס מוסיף מערער נאָך אין דער הכרה און אין דער ידיעה פון דער עצמיות הענין, אַז ער איז אַן איתן ותקיף, אַז ס׳איז ניט שייך אין אים קיין שינוי. איז דאָך אינו דומה, אַז מ׳פּרואווט דאָס אויס במשך זמן קצר, צי במשך זמן ארוך, אָדער במשך זמן ארוך יותר.

איז אַז ס׳קומט-צו נאָך אַ יאָר לגבי פאַראַיאָרן, אָדער צוויי יאָר לגבי פאַר צוויי יאָרן, אָדער אַזויפיל יאָרן לגבי גאולה בפעם הראשונה - קומט-צו אין דער מעלה און אין דעם עילוי וואָס ס׳איז דאָ אין דער זאַך מצד דערויף וואָס ״לא תהי׳ מוחלפת״.

און ס׳קומט אויך צו דער ענין וואָס ס׳איז דאָ די מעלה וואָס מצד החידוש שבדבר, וואָס אין דערויף אויך קומט-צו; מידי שנה בשנה דאַרף דאָך חידוש מוסיף זיין אויף דעם ענין התוקף שבזה: וויבאַלד אַז דער ענין התקיפות מצד דעם יושן שבזה איז געוואָרן מערער וויפל ס׳איז געווען אין די שנים שלפני זה - איז דאָס גופא גיט צו פאַרשטיין, אַז אויך דער תוקף וואָס קומט-צו, און די מעלה וואָס ס׳קומט-צו מצד דעם ענין וואָס דאָס איז אַ חידוש - איז מערער ווי ס׳איז געווען די מעלה פון דעם חידוש בשנה שלפני זה.

וואָס דאָס איז דאָך אויך מתאים - אפילו אָן די ראיות האמורות: וויבאַלד אַז מ׳האָט אַ ציווי אין תורה, [וואָס אַ ציווי אין תורה - כאמור - איז דאָס אויך אַ נתינת כח און אַ הבטחה, אַז ״אין לך דבר העומד בפני הרצון״; ״אינו מבקש אלא לפי כוחו״ - איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער וועט וועלן באמת - וועט ער דאָס אויספירן, און אויספירן בשלימותו].

איז דאָ דער ציווי אין תורה, אַז ס׳דאַרף זיין ״מעלין בקודש״.

וואָס ״מעלין בקודש״ איז דאָך דער ענין כפשוטו [ס׳איז דאָך אַ לשון פון הלכה], אַז אע״פ וואָס אין פעם שלפני זה איז ביי אים געווען דער ענין שב״קודש״ בתכלית

השלימות - דאַרף ער זיך ניט באַגנוגענען מיט דער דרגא אין זיין "קודש", נאָר ס'דאַרף זיין אויך אַ "מעלין בקודש".

ג. ווי מ'זעט דאָס אויך בפשטות, אין נרות חנוכה

- וואָס זיי קומען דאָך בסמיכות צו י"ט כסלו, און האָבן אויך אַ שייכות פנימיות, ווי דער בעל הגאולה איז מבאר אין די דרושים פון חנוכה, אַז דער נס איז געווען בשמן, וואָס יעדער ענין בעולם איז דאָך "אסתכל באורייתא" - איז צום אַלעם ערשטן איז דאָ דער ענין אין תורה, איז דאָ אין תורה ענינים וואָס זיי ווערן אָנגערופן בשם "לחמו בלחמי": "לחם", דערנאָך איז דאָ "מים" - אַן ענין אין תורה וואָס ווערט אָנגערופן בשם "מים", און דערנאָך איז דאָ "יין", און דערנאָך איז דאָ "שמן",

און איז מבאר בזה, אַז פונקט אַזוי ווי "שמן צף על גבי יין", און ס'איז דאָך אַ דבר מובן אַז יין איז העכער פון מים, עאכו"כ שמן - אַזוי איז אויך די חלקים אין תורה וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט נגלה דתורה,

וואָס דאָס איז דאָך די התחלת הלימוד איז דאָך - בלשון המשנה - צום אַלעם ערשטן הויבט זיך אָן פון "מקרא" און "משנה" און "גמרא", און ערשט דערנאָך קומט מען צו לימוד פון פנימיות התורה,

ווי מ'זעט דאָס אויך ווי דאָס קומט דערנאָך אַראָפּ אין חיי הנשמה בגוף, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען האָבן "לחם לבב אנוש יסעד", און ערשט דערנאָך קומען-צו ענינים וואָס זיי זיינען איידעלער און העכער, אָדער וואָס פאַר אַ תואר מ'זאָל אויף דערויף זאָגן, ובכללות - דער ענין וואָס זיי פאַרשאַפן תענוג, עד"ז אויך בעולם בפשטות,

וואָס דערפאַר איז אויך די חלקים אין תורה וואָס זיי זיינען רזין דרזין - ווערן אָנגערופן בשם "שמן", וואָס ער איז "צף על גבי יין", וואָס "יין" איז דאָך ענינו "נכנס יין יצא סוד"; פאַרוואָס איז דאָס אַזוי אין וועלט? - דערפאַר וואָס אַזוי איז דאָס אין תורה, אַז דער חלק התורה וואָס ווערט אָנגערופן בשם "יין" איז לימודו איז - אויף "יצא סוד": דער ענין פון רזין דאורייתא, ובזה איז דאָ - כאמור - "צף על גבי יין" - רזין דרזין.

וואָס דאָס איז דאָך אויך: ס'איז דאָך געווען דער ענין פון פנימיות התורה אויך קודם זמן הגאולה, און ס'איז אויך געווען דער לימוד אפילו פון רזין דרזין; ס'זאָל אָבער זיין אין אַזאַ אופן, אַז דער "שמן" זאָל אַרויס בגלוי, און זאָל מאיר זיין אין וועלט,

בדוגמא ווי ס'איז דער ענין פון נרות חנוכה, אַז דאָס וואָס דער שמן איז געווען חתום בחותמו של כהן גדול - ניט אין דערויף איז באַשטאַנען דער עיקר הנס. - ס'איז דאָ מפרשים וואָס זאָגן, אַז דערפאַר איז אויך ביום הראשון אויך אַן ענין נסי, אָבער לדעת רוב המפרשים איז ניט דאָס איז דער ענין,

און דער פירוש בפנימיות איז: אין וואָס באַשטייט דער ענין פון חנוכה - אַז מ'מאַכט דערפון, אַז דאָס זאָל לייכטן ניט נאָר ווי דער שמן איז בפני עצמו, און דאָס טוט ניט אויף

אין וועלט - נאָר דער שמן ווערט דערפון אַן אור, און ער איז מאיר, ביז ער איז מאיר "על פתח ביתו מבחוץ".

ד. וואָס אָט דאָס איז דאָך אויך געווען דער ענין הגאולה פון דעם מאסר, אַז - בלשון הידוע - חופשה ניתנה לו, צו דעם אַלטן רבי'ן;

אין וואָס איז באַשטאַנען פריער דער מאסר וסיבתו, און דערנאָך איז געווען אין דערויף דער חופשה? אַז מ'האָט געוואָלט זאָגן, אַז דורך דערויף וועט ווערן אַ חילוק און אַ פירוד - ח"ו - צווישן אידן, און דער ענין איז געווען פונקט דער היפך, אַז דוקא דורך דערויף איז נתגלה געוואָרן פנימיות התורה, און אַ גילוי אין תורה - מוז ברענגען צו נאָכמער איחוד, ביז בפשטות - צו נאָכמער אהבת ישראל, ניט דער ענין הפכי שבזה.

איז דאָס איז געווען פריער דער מאסר, אַז ס'איז געווען אַ שקו"ט אין חושך הגלות, און די מלוכה וואָס ס'איז דעמולט געווען דאָרטן רוב מנין און רוב בנין של ישראל, צוזאַמען אַז דאָרט איז רוב מנין ובנין של ישראל - איז דאָך תורה גייט דאָך צוזאַמען מיט אידן, במכ"ש וק"ו וואָס "שכינתא בגלותא": "גלו לאדום" איז "שכינה עמהם", און אין אדום גופא - אין דעם חלק פון אדום וואָס דאָרט איז רוב מנין ורוב בנין - מערער וויפל אין די שאר חלקים פון אדום, ווי דער ענין איז מובן אויך בפשטות.

[און ווי ער זאָגט דאָך אויך אין מדרשים, אַז יעדער אָרט וואו אידן האָבן געדאַרפט על-פי גזירה ורצון העליון אָנקומען - אין אַן אופן של גלות אפילו, אָבער רוב מנין און רוב בנין - האָט דאָס דער אויבערשטער געמאַכט די ממשלה דאָרטן פאַר "מושל בכיפה", "רודה בכל הארץ כולה".

אַזוי איז געווען אין גלות פון אחשורוש, וואָס ער איז דערפאַר געווען "המולך מהודו ועד כוש", עד"ז אין דעם גלות אין זמן פון דעם אַלטן רבי'ן, וואו ער איז דעמולט געווען.]

און אין דערויף איז באַשטאַנען די גאולה, אַז דער "יתרון האור" איז געקומען - "מן החושך", אַז דער חושך גופא, די שרים ועמי הארץ - בלשון פון דעם אַלטן רבי'ן אין זיין בריוו וועגן דעם אופן הגאולה שלו - איז זיי גופא איז "חופשה ניתנה לו", אַז ער זאָל מפיץ זיין רזין דרזין, אין אַן אופן ביז אַז ס'זאָל אָנקומען אין "חוצה".

וואָס דאָס האָט דאָך אַ צווייענדיקן פירוש: "חוצה" כפשוטה, אויך אין אַזאַ אָרט וואָס ביז דעמולט איז דאָס געווען מחוץ לרזין דרזין, אָדער מחוץ לתורה בכלל,

און אויך "חוצה": אין דעם אופן הלימוד גופא קען דאָך זיין דער לימוד פון רזין דרזין (אָדער רזין, אָדער אפילו פון נגלה דתורה) אין אַן אופן אַז דאָס בלייבט מערניט ווי אין פנימיות הנפש, אָדער אין פנימיות האדם, און דאָס קומט ניט אַראָפּ אין הבנה והשגה,

ביז וואַנענט אַז ס'קען אויך זיין דער "לומד" און ס'קומט דערנאָך ניט אַראָפּ אין חלק המעשה שבו; "שלא על מנת לעשות". וואָס דאָס איז דאָך היפך הכוונה און

היפך התורה, וואָס זי ווערט דאָך אָנגערופן "תורה" - ווי ער זאָגט אין זוהר - על שם הוראה.

ה. און ווי אויך אויסגעדרוקט בפשטות אין נרות חנוכה, אַז ענינם איז, אַז מ'נעמט שמן און מ'נעמט אים אַרויס ממקומו;

ניט נאָר פון דעם זית, וואָס דעמולט האָט ער דאָך גאָר אַ דין פון מאכל, ניט פון משקה; אפילו ווען "כותשין את הזית ומוציא שמנו", וואָס דעמולט איז ער שוין אַ משקה פאַר-זיך, אָדער אַ משקה וואָס פועל'ט על הדבר צו וועלכן ער דערגרייכט, אָבער ער פועל'ט ניט אין אַן אופן אויף מאַכן די זאַך ליכטיק. - שמן איז דאָך "מפעפע בכל דבר", איז אָבער ניט ער מאַכט די זאַך ליכטיק; ער מאַכט אַ שינוי טאַקע אין דער זאַך, זי ווערט חדור (דורכגענומען) מיט שמן - אָבער זי לייכט ניט אַליין, עאכו"כ - אַז זי באַלייכט ניט אַרום זיך.

דער נס חנוכה איז באַשטאַנען, אַז מ'האָט גענומען דעם שמן, אע"פ וואָס ער איז געווען בתכלית השלימות, "חתום בחותמו של כהן גדול",

וואָס דער כהן גדול איז דאָך דאָס תכלית השלימות פון "אתם קרויין אדם" - "אדמה לעליון", ווי דער של"ה איז מפרש, וואָס אין דערויף גופא איז דאָך דאָ, יעדער איד זאָגט מען דאָך אויף אים אַז זינט מ"ת ווערט ער אָנגערופן "גוי קדוש" - זאָגט ער דאָך אויף דערויף אין תורה-שבכתב, אַז אהרן ווערט אָנגערופן "קודש הקדשים", "ויבדל אהרן" איז ער געוואָרן "קודש קדשים", אַלס כהן גדול,

און דאָס איז געווען דער שמן וואָס מצד ענינו איז ער געווען חתום "בחותמו". וואָס לכאורה, אַז ס'וואָלט געווען אַ חתום בחותמו פון יעדער אידן - איז ער אויך שוין אַ נאמן על זה, וואָס "כל ישראל בחזקת כשרות הן". עאכו"כ אַז מ'האָט געפונען דעם "פך של שמן" איז דאָס גאָר געווען "בהיכל". און דאָ האָט ער אויך געהאַט אין זיך דעם עילוי, אַז ער איז געווען חתום "בחותמו של כהן גדול"!

זאָגט מען, אַז ניט דאָס איז דער תכלית הכוונה. דער תכלית הכוונה איז, אַז מ'זאָל אין אים מאַכן ליכטיק דעם בית-המקדש.

אָבער דער בית-המקדש איז געווען ענינו ש"משם אורה יוצאה לכל העולם". וואָס דערפאַר האָט ער דאָך געהאַט "חלונות שקופים אטומים" - פאַרקערט ווי מ'מאַכט חלונות בדרך הטבע, איז דאָרט געווען דוקא אין אַן אופן הפכי, אויף מדגיש זיין, און מ'זאָל דאָס אויך זעען בעיני בשר, אַז ענינו איז, אויף באַלייכטן די וועלט אַרום דעם בית המקדש.

דורך וואָס באַלייכט מען דאָס? - דורך דערויף וואָס "הדליקו" פון דעם שמן. פריער - בדרך הטבע, און דערנאָך איז געווען, האָט דאָס געהאַלטן אויף אַזוי לאַנג - ביז וואַנענט מ'האָט אויך על פי טבע געקענט באַקומען נאָך שמן.

– וואָס דאָס איז דאָך דער פירוש הפשוט פאַרוואָס ס'איז געווען שמונה ימים, וויפל ס'האָט געדאַרפט געדויערן ביז וואַנענט מ'וועט געפינען, און כותש זיין און ברענגען דעם שמן אין דעם אָרט שהדליקו בו די מנורה בבית המקדש.

ו. וואָס עד"ז איז געווען אויך – כאמור – דער אויפטו פון דעם אַלטן רבי'ן:

אע"פ וואָס מ'האָט דאָך געלערנט "מעשה מרכבה" כל הזמנים כולן. דערנאָך איז צוגעקומען בזמן האריז"ל איז געוואָרן דער "מצוה לגלות זאת החכמה", אעפ"כ איז דאָס נאָך ניט אָנגעקומען אין "חוצה", ועד"ז אויך אין דעם "חוצה" פון דעם שכל האדם עצמו, אַז ס'זאָל זיין אין אַן אופן פון "יתפרנסון מיני'",

וואָס דער ענין פון "יתפרנסון מיני'" איז דאָך – אַז דאָס זאָל ווערן, בדוגמא ווי פרנסה כפשוטה, – דערפאַר גיט מען דאָך אויף דערויף דעם משל מיטן וואָרט "יתפרנסון". וואָס "פרנסה" כפשוטה איז דער תכלית הענין, אַז ניט אַז מ'זאָל האָבן אַ סך נכסים, און גוטע נכסים וכל הענינים, ביז אפילו "בגד ללבוש"; דער תכלית הכוונה איז – אַז עס זאָל זיין "לחם לאכול", און דער "לחם לאכול" זאָל זיין אין אַן אופן אַז דאָס איז פאַרבונדן אויך מיט תענוג,

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ענין פון "ואכלת ושבעת וברכת . . על הארץ הטובה": ניט סתם "ארץ", נאָר "טובה". וואָס דאָס איז דאָך דער לחם פון די שבעה מינים חיטה שנשתבחה בהם ארץ ישראל דוקא לגבי כל הארצות. וואָס אויף דערויף גייט דאָך בפשטות דער פסוק פון "ואכלת ושבעת וברכת . . על הארץ הטובה".

וואָס דאָס איז דאָך אויך געווען דער אויפטו, ובמיוחד לאחרי וואָס חופשה ניתנה לו בי"ט כסלו, אַז רזי דרזין זאָל ווערן בדוגמא (ווי אַ שמן) ווי דער שמן איז געווען בימי חנוכה: להאיר "על פתח ביתו מבחוץ"; במכ"ש וק"ו אַז ער איז מאיר דעם בית גופא,

זאָל אַזוי אויך זיין – ווי דער לשון אין רעיא מהימנא, אין זוהר פון ר' שמעון בן יוחאי, "האי ספרא דילך" – "דמיני' יתפרנסון" דוקא, אַז דאָס זאָל דורכנעמען דעם גאַנצן מענטשן, ביז דאָס וועט זיין אויך ניכר בשעת ער לערנט תורה, דער חלק ה"לחם" שבתורה – אַז ער לערנט תורה ע"י הקדמה וואָס "ברכו בתורה תחילה" – בלשון הגמרא, וואָס דמולט איז דאָך אויך דאָ דער אָפּטייטש פון "ברכו בתורה תחילה", אַז מ'האָט ממשיך געווען פון אהבת השם און יראת השם,

– וואָס דאָס איז דאָך אויך דער פירוש הפשוט פון אַ ברכה: אַז מ'בענטשט אַ זאַך – קומט-צו דורך דערויף אין דער זאַך –

אַזוי איז דאָך אויך אין לימוד התורה קען דאָך זיין "תורתי שמרו" און "אותי" – רח"ל – "עזבו" – באַוואָרנט ער דאָך דאָס גלייך אין מדרש, אַז טאַקע אַזוי קען זיין די התחלה, אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? – דערפאַר וואָס "המאור שבו מחזירו למוטב". און ווי מפרשים טייטשן אָפּ "המאור שבו" איז דאָס פנימיות התורה.

ביז ווי בפשטות, אַז בשעת ער לערנט "לחם" שבתורה – איז דאָס ניכר אַז דאָס איז בהקדמה פון אהבת השם און יראת השם.

ז. וואָס דאָס איז דאָך אַ הלכה פסוקה אין רמב"ם, אַז "כיצד יבוא לאהבתו וליראתו",

[וואָס ער ברענגט דאָס אַראָפּ אין ספרו "יד החזקה", ווי ער שרייבט אין דער הקדמה, אַז דאָס איז אַ "ספר הלכות הלכות", איז יעדער ענין וואָס שטייט אין ספר "משנה תורה" להרמב"ם – איז דאָס אַן ענין של הלכה; אפילו אַז ער קען שטיין אין אַ לשון הכתוב, אָדער אַ לשון של מדרש, אָדער אַ לשון של רמז,

ביז ווי התחלת הרמב"ם איז דאָך דאָס דוקא מיט אַ רמז, כמבואר אויך פון דעם רמב"ם'ס אייניקל אַליין, אַז דאָס וואָס דער רמב"ם הויבט-אָן זיין ספר – וואָס ער איז ספר "הלכות" – מיטן לשון "יסוד היסודות ועמוד החכמות" – כדי אין דערויף זאָל מען גלייך זען דעם שם הוי"ה, וואָס דאָס איז דער ראשי-תיבות "יסוד היסודות ועמוד החכמות".

וואָס אין שמות קדושים גופא איז דאָך דאָ ז' שמות, אָדער ווי אַ צווייטער – רעכנט מער בפרטיות – עשר שמות, איז דער שם העצם און שם המפורש און שם המיוחד – איז דאָס דוקא דער שם הוי'],

פסק'נט ער דאָרט אויך אָפּ די הלכה, אַז ס'איז דאָ די ערשטע מצוה בספרו איז, אַז ס'זאָל זיין ידיעה אין אלקות, "לידע" אַז דאָרט איז דאָ אַ "מצוי" מיט אַלע פרטים, ביז ווי דאָס ווערט אויך נמשך אין וועלט, אַז "מציאות כל הנמצאים" איז דאָס מערניט ווי "מאמיתת המצאו".

און אין דערויף אַלעם דאַרף זיין אין אַן אופן פון "לידע".

וכידוע דער דיוק פון מפרשים, אַז ניט ער זאָגט "להאמין" – וואָס דעמולט איז דאָס ניט "יתפרנסון מיני'": ער האָט דאָס באמונה בנפש, אָבער זיין שכל באַנעמט דאָס ניט; ווי אַזוי ווערט דאָס אין אַן ענין פון "לידע" – אַז ער לערנט דאָס אין אַן אופן אַז דאָס קומט אַראָפּ אין זיין שכל,

וואָס זיין שכל איז דאָך פאַרבונדן מיטן שכל כפשוטו, וואָס ער איז שרוי במוחו שבראשו, וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיטן גוף, און אויך מיטן נפש הבהמית – אַז אויך דער נפש הבהמית ווערט דורכגעדרונגען [וואָס דאָס איז דאָך דער ענין הידיעה]: ניט נאָר מצד אמונה, וואָס כל ישראל זענען דאָך "מאמינים בני מאמינים", אפילו בנפשם הבהמית, וואָס אויף דערויף דאַרף מען דאָך האָבן דעם חידוש והודעה;

– אַז "חלק אלוקה ממעל ממש" איז אַ מאמין – איז מאי קמ"ל?! ער איז אַ "חלק אלוקה ממעל ממש"! דער חידוש איז און די הודעת התורה איז, אַז "כל ישראל

מאמינים בני מאמינים״ אויך מצד נפשם כפשוטה – דער נפש וואָס איז מלובש אין גוף, [וואָס דאָס איז דאָך בפשטות דער נפש הבהמית] –

איז אויך זי ווערט דורכגענומען מיט דער ידיעה. – –

פסק׳נט אָפּ דער רמב״ם כפשוטו, אַז ״כיצד יבוא לאהבתו וליראתו״ – איז דאָס על ידי וואָס ס׳וועט זיין דער ענין החכמה און דער ענין הבינה וענין הדעת, ווי ער רעכנט דערנאָך אויס, אַז ״יתבונן בחכמתו ובינתו״ און אויך ״לדעת״ אין דער זעלבער הלכה, וואָס דעמולט וועט ער קומען צו ״דע את אלקי אביך״.

ח. וואָס דאָס איז, כאמור, ס׳איז געווען דער לימוד התורה, ביז רזי דרזין, ביי יחידי סגולה, זינט מתן תורה אָן. דערנאָך איז דאָס געוואָרן אָבער אין דערויף, אַז ״מעשה מרכבה״ האָט מען געלערנט מערניט ווי ״ביחיד״. דערנאָך איז געוואָרן, בזמן רשב״י, איז געוואָרן ״ארובות השמים נפתחו״, איז געווען בדורו אַן אויסנאַם, אַז ס׳איז געווען ״אפילו רביא״, אפילו בחורים ותינוקות, האָבן אויך געלערנט פנימיות התורה,

דערנאָך איז דאָס ווייטער נתעלם געוואָרן.

אָבער ניט ח״ו אַז ס׳איז ניט געווען דער לימוד – נאָר ס׳איז געווען דעמולט ״רשב״י וחבריו״ וואָס ס׳איז געווען ״תורתו אומנתו״, און ער האָט געזאָגט, אַז זיין לימוד התורה איז אין אַן אופן פון ״בי׳ אתקשרנא״ ו״בי׳ אתלהטנא״, וואָס זיין לימוד איז געווען דער לימוד פון פנימיות התורה.

וואָס דאָס איז דאָך אויך איינער פון די פירושים פון דעם אויפטו וואָס מ׳זאָגט, אַז ״תורתו אומנתו״ איז דאָס דוקא ״רשב״י וחביריו״! נאָר זיי זענען געווען אין אַזאַ מעמד ומצב, אַז זייער לימוד פון פנימיות התורה האָט מוציא געווען את כל העולם כולו.

– במכ״ש וק״ו, וואָס רשב״י האָט דאָך געזאָגט ״יכולני לפטור את כל העולם כולו״ פון ענינים היפך התורה ומצוותי׳. ווערט דאָך די שאלה: וואָס איז זיין קשר, אַז ע״פ תורה – וואָס ענינה איז דאָך צדק ויושר – זאָל דאָס קענען פּוטר זיין כל העולם כולו?!

זאָגט מען דאָך אויף דערויף דעם ביאור, אַז רשב״י׳ס ענין איז געווען, אַז ער האָט זיך מוסר-נפש געווען און האָט זיך אַריינגעגעבן און האָט זיך אָפּגעגעבן פאַר כל אחד ואחת שבדורו.

וואָס דאָס קומט דאָך אין פאַרבינדונג, וואָס ער זאָגט דאָך בספרו שלו, אין ספר הזוהר, אַז רשב״י איז געווען אַ ניצוץ פון משה רבינו, ביז בדוגמא ווי משה רבינו. וואָס משה רבינו׳ס אופטו איז דאָך געווען – ווי מוסבר אין זוהר עצמו – אַז ניט ווי ס׳איז געווען צדיקים גדולים, אָבער זיי האָבן זיך ניט מוסר-נפש געווען על כל אחד ואחת שבדורו. משא״כ משה רבינו האָט געטענה׳ט, אַז ״ואם אין״ – איז ״מחני נא מספרך״!

און וועגן וועמען האָט זיך דאָס גערעדט? - האָט זיך דאָס גערעדט וועגן אַזוינע וואָס לכאורה האָט ער מיט זיי אינגאַנצן קיין שייכות ניט געהאַט; בשעת זיי האָבן אָפּגעטאָן דעם דבר בלתי-רצוי - איז ער גאָר געווען אין הר סיני! און גלייך ווי ער איז אַראָפּגעגאַנגען - האָבן זיי גופא חרטה-געהאַט.

אעפ"כ זאָגט ער - און שטעלט דאָס אַלס אַ דרישה, און איז זיך מוסר-נפש - אַז "מחני נא מספרך", וואָרום דאָס איז "העם אשר אנכי בקרבו"!

ועד"ז אויך רשב"י, בשעת ער האָט זיך מוסר-נפש געווען, "יכולני לפטור", אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אין דעם דור זיינעם און זאָגט, אז כל הדור כולו - אע"פ וואָס אין אים איז דאָך געווען כמה סוגים - איז "יכולני לפטור" פון כל הענינים הבלתי רצויים. און דאָס וועט זיין אויסגעהאַלטן על-פי משפט ודין התורה, וואָרום ער געפינט זיך "אנכי בקרבו".

עאכו"כ אַז זיין לימוד, דער חלק פון פנימיות התורה, האָט ער געקענט מוציא-זיין די דורות שלאחריו,

ביז וואַנענט ס'איז געקומען דער אריז"ל און האָט מגלה געווען, אַז בזמנו איז געקומען די צייט, אַז מ'מוז מגלה זיין "זאת החכמה",

און וויבאַלד אַז דער דור פאַרלאַנגט דאָס: מצד ירידת הדורות - "אכשור דרי - בתמיה" - קען מען ניט אויסקומען מיטן מדה פון "תורה אור" וואָס ס'איז געווען ביז דעמולט, דערפאַר וואָס דער חושך איז געוואָרן גרעסער - האָט מען געמוזט מגלה זיין "זאת החכמה", וואָס דאָס גייט דאָך אויף חכמת האמת שבתורת אמת, אין אַן אופן אַז דאָס זאָל זיין בגלוי.

אעפ"כ איז דאָס נאָך ניט געווען ביז אין "חוצה" אַריין, וואָרום דעם "חוצה" האָט מען מאיר געווען דורך דעם אור וואָס איז געווען אין דעם אָרט וואָס מ'האָט אים מגלה געווען, און מ'האָט ניט געדאַרפט אָנקומען ברענגען אַהינצו דעם חלק התורה, רזי דרזין,

אָבער ס'איז אַלעמאָל; "לא פסקה תורה מאבותיו במצרים" גייט דאָך דאָס על כל חלקי התורה, עאכו"כ אַז דאָס גייט אויף "נשמתא דאורייתא", [ווי רשב"י ז"ל איז מפרש אין זהר פרשה בהעלותך את הנרות, אַז רזי דאורייתא זענען "נשמתא דאורייתא"] - איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז די נשמה האָט זיכער מחי' געווען כל חלקי התורה, און דורך דערויף - כל אחד ואחת מישראל.

ס'איז אָבער געווען אין אַזאַ אופן, אַז זי האָט מאיר געווען ביי יחידי סגולה, און פון זמן האריז"ל - דאָרט וואו מ'האָט מגלה געווען.

ט. בשעת ס'איז אָבער געקומען דערנאָך, ובמשל הידוע וואָס דער בעל הגאולה, דער אַלטער רבי, האָט מסביר געווען, אַז דאָס איז אַ משל צו אַ בן מלך, וואָס ער איז

געווען במעמד ומצב בריא, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ חולה, און מ׳האָט געזאָגט דעם מלך, אַז מ׳דאַרף אָנקומען – לרפואתו – אַז מ׳זאָל נעמען די אבן יקרה שבכתר המלך, וואָס אין דעם אבן איז תלוי דער יופי און דער יוקר פון דעם כתר המלכות,

איז כל זמן דער חולה איז נאָך ניט געווען עד כדי כך, האָט דער מלך אויף דערויף געזאָגט, אַז זאָל מען זיך פּרואוון אויף אַנדערע וועגן;

בשעת ס׳איז אָבער אָנגעקומען און געזאָגט דעם מלך, אַז דער מצב פון דעם בן מלך איז, אַן ענין וואָס דאָס איז נוגע בחייו – האָט ער ניט נאָר מתיר געווען מ׳זאָל נעמען דעם אבן שבכתר המלכות, און מ׳זאָל דאָס צורייבן, און אַריינמישן דאָס אין וואַסער, און פּרואוון זיך גיסן אין דעם בן מלך, ובלשון המשל: אפשר וועט אַ טיפּה אַריינגיין בפנימיות און וועט אים מחי׳ זיין,

און בשעת מ׳פרעגט: וואָס איז דאָ געוואָרן דער שינוי? – איז דער ענטפער בפשטות, אַז דער גאַנצער ענין הכתר, מיט אבן שבכתר, מיט יופי און די פעולת הכתר – איז פאַרבונדן מיט דער מציאות פון בן מלך!

און אָט דעמולט, בשעת ס׳איז נוגע צו זיין מציאות, איז אָט דעמולט, ניט נאָר ״מותר לגלות זאת החכמה״, און ניט נאָר אַז דאָס ווערט אַ ציווי אין חוגים מסויימים [אע״פ וואָס דאָס איז חוגים רחבים], ואדרבא – דוקא אין ״חוצה״, וואָס דאָרט איז דאָך דער חשש און די סכנה – ״פיקוח נפש״ רוחני – ביתר שאת וביתר עוז – מוז זיין דאָרטן דער ענין, אַז ס׳זאָל אָנקומען אַהינצו, – טאַקע צעריבן און צוזאַמענגעמישט וכו׳ – –

וואָס דאָס איז דאָך אויך וואָס בפשטות דאַרף מען דאָך באַוואָרענען, אַז אע״פ וואָס מ׳איז מסביר מיט די אַלע דוגמאות [ביז ״מבשרי אחזה אלוקה״] רזין דרזין דאורייתא – דאַרף מען גלייך באַוואָרענען, אַז דאָס איז מערניט ווי אַ משל, און ס׳קומט ניט צו דעם נמשל, ביז להבדיל כמה וכמה עילויים ומעלות ודרגות.

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער לימוד און אָנגעוויזן גלייך ביי מתן תורה, וואָס דעמולט זאָגט מען דאָך אויך – ווי דער רמב״ם ברענגט אַראָפּ בספרו – ״ידי השם״ און ״עיני השם״ וכיו״ב, וואָס דאָס איז דאָך מערניט ווי אַ משל; ״דברה תורה כלשון בני אדם״.

נאָר דאָ איז צוגעקומען, אַז דברה תורה אין רזין דרזין, אַז מ׳איז אויך מסביר די רזין דרזין – בלשון בני אדם.

און דאָס ווערט אַ דבר הכרחי, ווי דער משל פון דעם אַלטן רבי׳ן, פון דעם בעל הגאולה, וואָס איז שוין אָפּגעדרוקט בפרטיות און ס׳איז שוין מפורסם.

י. און אָט דאָס איז געווען דער אויפטו פון י״ט כסלו, אַז מ׳האָט געזען אין חושך העולם, די שרים און די עמים שבמדינה פון דעם צאַר, איז זיי גופא האָבן געגעבן די חופשה, וואָרום פון זיי איז דער חושך האָט געשריען, אַז מ׳מוז מפרסם זיין דעם

אור פון רזין דרזין, ביז אַז ער זאָל אָנקומען אין דעם חושך כפול ומכופל פון עקבתא דמשיחא,

ו"אע"פ דאיהו לא חזי" - איז "מזלייהו חזי", האָט דער "מזלייהו" פועל געווען, אַז "ותפול עליהם חרדה גדולה", ווי די גמרא איז מפרש בפשטות, אַז דאָס וואָס "מזלייהו חזי" איז ניט דער פירוש, אַז דאָס איז געבליבן אין "מזל"; דאָס האָט פועל געווען למטה, אַז ס'איז געוואָרן אַ חרדה גדולה!

האָבן זיי געשריען, אַז מ'מוז אים אַרויסלאָזן, און אַרויסלאָזן אין אַזאַ אופן, אַז ס'זאָל זיין חופשה ניתנה לו, און ממשיך זיין אין הפצה פון רזין דרזין, נאָך מערער וויפל ס'איז געווען ביז דעמולט,

כידוע די שיחה - וואָס איז שוין אויך געדרוקט - פון דעם רבי'ן נ"ע, אַז אין דער גאולה פון י"ט כסלו, האָט זיך אָנגעהויבן דער עיקר פון הפצת המעינות חוצה.

וכאמור אין דעם משל, איז ניט דער פירוש, אַז מ'גיט מערניט עפּעס אַ חלק אין "חוצה", נאָר ווי דער לשון איז "יפוצו מעינותיך חוצה":

די "מעינות" אַליין, איז ניט ווי על-דרך הרגיל, אַז פון דעם מעין גייט דאָס אַריין אין אַ נהר, און פון דעם נהר גייט דאָס על פני הארץ, ממרחק פון דעם מעין און אויך פון דעם נהר - נאָר "יפוצו מעינותיך חוצה", אַז די "מעינות" אַליין ברענגט מען אין דעם "חוצה", און דאָרטן טוט מען מיט זיי און מ'לערנט זיי אין אַן אופן פון "יפוצו".

יא. און דערמיט איז פאַרבונדן ביאת מלכא משיחא.

וואָס דאָס איז דאָך מעין ענין פון מלכא משיחא: דער ענין פון ביאת משיח איז - פסק'נט דאָך אָפּ דער רמב"ם אין הלכות תשובה, און נאָכמערער - דערמיט שליסט ער אָפּ און דאָס איז דער סיום פון זיין גאַנצן ספר - אַז דאָס וואָס "נתאוו" אידן, ובפרט חכמים און נביאים, צו ימות המשיח, איז ניט צוליב אַלע ענינים, ווי ער רעכנט דאָרט אויס אַ ריבוי ענינים - נאָר כדי ס'זאָל קומען די צייט און דער אופן לימוד התורה אין אַן אופן פון "ומלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים".

און ווי ס'שטייט דאָך דער דיוק, אַז ניט נאָר "ומלאו" דער דעת פון בני אדם, ווי ער זאָגט פאַר דעם, אַז די נבראים בני אדם וועלן משיג זיין "דעת בוראם" - ברענגט ער גלייך אויף דערויף די ראי': "שנאמר ומלאה הארץ דעה את הוי'", אַז דורך דערויף וואָס די נבראים, בני אדם, "אתם קרויין אדם", לערנען "דעה את הוי'", ביז אין אַזאַ אופן אַז זיי זענען דערמיט ממלא את "הארץ", "כמים לים מכסים".

וואָס דאָס איז נאָכמער מדגיש דעם פירוש המשל: "כמים לים מכסים" איז מדגיש, אַז ס'איז דאָ אַ זאַך וואָס מ'דעקט דאָס צו, און ס'איז דאָ די מים, וואָס "מים" טייטשט אָפּ דער רמב"ם אין סוף הלכות מקוואות, אַז "מי הדעת הטהור" וואָס אין זיי איז מען זיך טובל - גייט דאָס אויף "דעת הטהור" פון תורה,

און דאָ זאָגט מען, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַן ענין וואָס דער ״מים לים מכסים״ – מ׳דעקט נאָך עפּעס צו.

וואָס וואָס איז דאָס בפשטות; אויף וואָס זענען די מים ״מכסים״? – אויף די נבראים שבים.

עד״ז, כאמור, בשעת אַ איד לערנט רזי דרזין איז ווערט ער דעמולט בדוגמא פון אַ ״דג״ שבים – במכ״ש וק״ו פון משל הידוע פון פּפוס און רבי עקיבא, אין סיום פון מסכתא ברכות.

נאָר דאָ זאָגט מען נאָכמערער: ״ומלאה הארץ דעה את הוי׳״, אַז זיי לערנען תורה, ביז רזי דרזין, אין אַזאַ אופן, אַז וואו מ׳גיט אַ קוק אין אַן ענין של ״ארץ״, וואָס אין מקרא יוצא מידי פשוטו: דאָס איז ארציות, אכילה ושתי׳ ו״בכל דרכיך״ ו״בכל מעשיך״, ביז ענינים גשמיים שבעולם – זעט מען דאָרטן, אַז דאָס איז דער ענין [פון] ״נגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר יחדיו״.

וואָס דאָ איז דאָך אויך דער דיוק, ניט נאָר אַז מ׳וועט פאַרשטיין דאָס בשכל, נאָר ״וראו כל בשר״ – דער בשר וועט פאַרשטיין און וועט פילן דעם כח הפועל בנפעל.

וכמדובר כמה פעמים, שטייט דאָס בפירוש אין נגלה דתורה, אין ירושלמי, אַז לעתיד לבוא איז ״אבן מקיר תזעק״, אַז מ׳וועט צוגיין צו אַ תאנה בשביעית און מ׳וועט זיך וועלן אין איר אָנרירן – איז דער ״אבן מקיר״ און די תאנה וועט שרייען: היתכן?! ס׳איז שביעית! מ׳טאָר זיך מיט איר ניט פאַרנעמען איצטער.

פאַרוואָס שרייט זי דאָס? – דערפאַר וואָס זי פילט, אַז ס׳איז איר שביעית. וואָס וואָס איז דער ענין פון שביעית – ״ושבתה הארץ שבת להשם״.

יב. וואָס דערמיט ווערט אויך פאַרענטפערט בפשטות: ווי אַזוי טאָקע קען מען מאָנען ביי אַ אידן, אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען העכער הונדערט און פופציק יאָר פון פעם הראשונה – און ס׳זאָל זיין ווי ס׳איז געווען בפעם הראשונה, און נאָכמערער – אין אַן אופן פון ״מעלין בקודש״!

בשעת ס׳רעדט זיך אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיטן מעמד ומצב פון ביאת מלכא משיחא, וואָס דעמולט וועט זיין ״ונגלה כבוד הוי׳״, און אין דעם לשון הפסוק וואָס דער רמב״ם איז מסיים ספרו ״ומלאה הארץ דעה את הוי׳״ – איז דאָך דאָס למעלה מהגבלת זמן ומקום;

וואָס, אויב אַזוי, דאַרף מען האָבן דעם זמן ומקום? – כדי ס׳זאָל צוקומען דער ״יתרון האור מתוך החושך״: זמן ומקום איז דאָך מדידה והגבלה, איז דאָ דער אויפטו פון רזין דרזין ווי זיי זיינען בפני עצמם, דערנאָך איז דאָ זייער אויפטו ווי זיי טוען זיך אָן אין הבנה והסברה פון חכמה בינה דעת אין אַן אופן פון ״יתפרנסון״, אַז דעמולט קומט

נאָך צו "יתרון האור מן החושך", וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט "יתרון החכמה מן הסכלות",

און ווי ער טייטשט אָפּ אין זוהר, אַז ניט ער מיינט דאָ "סכלות", ענינים של היפך החכמה - נאָר בערך פון דעם "יתרון החכמה" ווערט דאָס אָנגערופן בשם "סכלות", אָבער דאָס איז חכמות גדולות וכו', ווי ער איז מבאר דאָרט אין זהר פ' יתרו.

יג. וואָס דאָס איז אויך בפשטות, מיוסד אויף דער "דבר משנה" אַז "המעשה הוא העיקר", אַז בשעת ס'קומט דער יום הגאולה, וואָס "הימים האלה נזכרים" - ווערט דאָך דעמולט אויך "ונעשים", ווי דער אריז"ל טייטשט דאָס אָפּ, אַז ס'קומט אַראָפּ אין מעשים און אין עשי' בפועל, ביז אין עולם העשי' הגשמי והחומרי -

זאָל דאָס אַראָפּקומען אין מעשה בפועל אָנהויבנדיק פון זיך, אויף להוסיף אין לימוד פנימיות התורה, "נשמתא דאורייתא", וואָס דאָס קומט צוזאַמען מיט אַ הוספה אין לימוד פון נגלה דתורה, וואָס תכלית הנשמה ותפקידה איז דאָך, אַז זי ווערט צוזאַמען מיטן גוף, ביז זי ווערט איין מציאות מיטן גוף, אַז מ'קען גאָרניט פאַנאַנדערטיילן צווישן זיי,

זאָל דאָס אַראָפּקומען אין הפצת המעינות חוצה, צוזאַמען מיט הפצת "מים" שבתורה, די "יין" שבתורה, צוזאַמען מיט הפצת "לחם" שבתורה, ו"גדול לימוד שמביא לידי מעשה" - הפצה אין קיום המצוות בפועל, אין עשי' בפועל.

און דאָס אַלץ וועט נאָכמער צוהיילן דעם "אחשינה" פון "קאתי מר דא מלכא משיחא", "והקיצו ורננו שוכני עפר", און דער בעל הגאולה בתוכם,

און מ'גייט אַלע צוזאַמען לארצנו הקדושה, וואָס "תמיד עיני הוי' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה": פונקט אַזוי ווי "התורה לא תהי' מוחלפת", אַזוי איז אויך ארץ ישראל האָט אין זיך אַן ענין של תמידיות ונצחיות; וואָרום "תמיד עיני הוי' אלקיך בה", ווערט דאָס אַ נחלת עולם, לעם עולם, דורך תורת עולם,

און דאָרטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, ביז אין קודש הקדשים, אין הר הבית, אין "מקדש אדנ' כוננו ידיך",

און אין אַן אופן פון "אחישנה" - במהרה בימינו ממש.

(ניגנו "פדה בשלום").

• • •

**שיחה ב.**

יד. דער ביאור אין דעם ענין הגאולה, איז לכל לראש דאַרף מען דאָך זוכן (באַ) וואָס דער אַלטער רבי, דער בעל הגאולה אַליין, האָט געזאָגט וועגן דעם, ובפרט - וואָס ער האָט געזאָגט גלייך סמוך להגאולה.

וואָס אויף דערויף איז דאָך דאָ די בריוו וואָס ער האָט געשריבן וועגן זיין אופן הגאולה ועניינה, און האָט דאָס געשריבן טאַקע, לכאורה, צו יחידי סגולה - ס׳איז אָבער אין אַזאַ אופן אַז ס׳איז דערנאָך נתפרסם געוואָרן, און ווייזט אויס - גלייך נתפרסם געוואָרן, וואָס דאָס גופא איז דאָך אַ הוכחה, אַז די כוונה בזה איז געווען, אַז מ׳זאָל דערפון אָפּלערנען, ניט נאָר אַ לימוד וואָס צו אים זיינען שייך יחידי סגולה, און במילא איז דאָס אויך דער ענין הגאולה ווי ס׳איז פאַרבונדן מיט יחידי סגולה - נאָר ווי דער ענין איז פאַרבונדן מיט יעדער אידן און מיט אַלע אידן; צו די אַלע צו וועלכע דער בריוו איז דערגאַנגען אָדער וועט דערגיין.

טו. וואָס אין דעם בריוו זעט מען אַ דבר וואָס צריך ביאור:

ער באַשרייבט דאָרטן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיטן פסוק פון ״פדה בשלום נפשי״; ס׳איז פאַרבונדן מיט יום השלישי, מיט נאָך כמה וכמה פרטים, וואָס דאָס איז פאַרשטאַנדיק אפילו לאנשים כערכנו, עאכו״כ - פאַר די יחידי סגולה.

דערנאָך קומט אַן אריכות גדולה ווי אַזוי דאָס האָט געווירקט און ווי דאָס איז אויפגענומען געוואָרן פון כל העמים וואָס זיינען געווען במדינה ההיא, און פון די שרים, און וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז ״מאת ה׳ היתה זאת היא נפלאת בעינינו״, מיט אַן אריכות וכמה פרטים. (וואָס די בריוו זיינען דאָך שוין געדרוקט, איז ״אותיות מחכימות ומאירות״) אַז מ׳איז זיך מתבונן בזה, זעט מען אַן אריכות גדולה, אפילו בכמות, עאכו״כ - אַן אריכות גדולה באיכות.

בשעת מ׳באַטראַכט זיך, אַז דער בריוו, לכל לראש, איז געווען געשריבן צו ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, איינער פון די גרעסטע תלמידים פון דעם מגיד; געווען געשריבן צו ר׳ ברוך מעזשיבוזשער, דער אייניקל פון בעש״ט ואדמו״ר בדורו ולאחרי זה ובספריו וכו׳ -

איז לכאורה (דורש) צריך עיון גדול:

זיי האָבן דאָך געוואוסט דעם תוכן המאסר און תוכן הגאולה, און ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט תורה, און לימוד פנימיות התורה וכו׳; - ס׳איז דאָך געווען אַ גזירה שנתפרסמה בכל המדינה כולה, עאכו״כ ווי די גדולי ישראל בדור ההוא האָבן געוואוסט דעם ענין -

למאי נפק״מ פאַר זיי כלל, וואָס אַ גוי אין פעטערבורג האָט געטראַכט וועגן דערויף, און וואָס אַ גוי אין פעטערבורג האָט געזאָגט וועגן דערויף?

אמת טאַקע דאָס איז ניט סתם אַ גוי; דאָס איז שרי המדינה וכו׳ בזה, אָבער זיי ווייסן, אַז זיי זיינען מערניט ווי ״כגרזן ביד החוצב בו״, און זיי זיינען ניט קיין בעלי בחירה וכו׳, און דער ענין איז דאך נוגע ווי ער איז אין תורה און אין אידישקייט, און אין הפצת התורה והיהדות?

איז אין דעם ערשטן בריוו וואָס בצאתו מן המאסר, אין אַ מצב פון גאולה, וואָס דער בעל הגאולה שרייבט צו יחידי סגולה שבדורו, און ניט סתם יחידי סגולה; און אין דעם זעלבן ענין פון רזין דרזין דאורייתא – איז ער מאריך, בכמות, און נאָכמערער באיכות, בנוגע וואָס גויים האָבן געזאָגט!

און מיט אַן אריכות בזה: ניט נאָר ווי דאָס האָט אויף זיי פּועל געווען, אַז דערפאַר איז חופשה ניתנה לו, נאָר אויך – אַז זיי האָבן געזאָגט "מאת הוי' היתה זאת" און "היא נפלאת בעינינו", מיט די אַלע לשונות וואָס ער רעכנט דאָרטן אויס.

טז. וואָס אויב דער אַלטער רבי איז – ווי דער צמח צדק שרייבט אויף אים "לשונו הזהב" בכלל, עאכו"כ ווען אַ איד בכלל, און אַ נשיא בישראל במיוחד איז אין א מצב וואס ער ווייס, אַז זיין מאסר וגאולה איז דאָס אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט כללות ישראל, איז אין דעם ערשטן בריוו וואָס ער שרייבט לאנשים ווי כאמור, ווי תלמידי המגיד, והגדולים שבהם – איז ער מאריך אין אָט דעם ענין!

און מ'קען דאָך ניט זאָגן, אַז דאָס איז סתם אַן ענין – דאָס איז דאָך ווען ער דערציילט זיי און איז זיי מודיע וועגן דער גאולה ניתנה לו.

מוז מען דאָך זאָגן, אַז דאָס האָט אַ שייכות פנימית, נאָר בלשונו הזהב – איז דאָס בלשון ווי מ'זאָגט אויף לשון המשנה, אַז דאָס איז אַ "לשון קצרה", און דאָס איז כולל אין זיך אַ ריבוי, עד"ז אויך בנוגע לענין זה.

וויבאַלד אָבער, אַז דער בריוו איז אויך דערגאַנגען צו אונז – איז מובן בפשטות, אַז דאָ איז ניט נאָר אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם (אָדער מיט די) וואָס האָבן אַ שייכות דוקא צו רמזים און סודות, רזין דרזין אדער רמז שברמז – נאָר דערפון קומט אַרויס אַ הוראה, ביז אין מעשה בפועל, ביז ביי אנשים כערכנו, וואָס צו זיי איז דערגאַנגען אָט דער בריוו, און ביי זיי ווערט אַ שאלה:

בשעת (אַ מענטש) דער אַלטער רבי, איז געשטאַנען אין דער התרוממות הנפש, אין אַ גאולה וואָס חופשה ניתנה לו אויף להפיץ רזין דרזין בכל רחבי המדינה – איז אָט דעמולט האָט ער געגומען מזמנו, ובמכתבים אלו, און האָט [אין] זיי אַריינגעשטעלט כמה וכמה ענינים וואָס לכאורה זיינען זיי פאַרבונדן און רעדן וועגן עמי ארץ?!

און זיכער איז דאָך "כפטיש יפוצץ סלע": ענינים פון תורה האָבן דאָך זיך "שבעים פנים לתורה", ביז נאָך מערער דערפון, כמבואר בארוכה ובפרט אין כתבי האריז"ל – איז דאָך זיכער אין דערויף אָבער אויך דאָ אַן ענין וואָס מ'קען דערפון אַרויסנעמען אַ הוראה בפועל, ביז אין מעשה בפועל פון אנשים כערכנו.

ובפרט על פי תורת הבעש"ט, געבראַכט פון רבותינו נשיאינו, אַז יעדער זאַך וואָס אַ איד הערט אָדער זעהט, איז, בהשגחה פרטית האָט ער דאָס געהערט און געזעהן, במילא

איז זיכער, אַז ער קען דערפון אַרויסנעמען, דאַרף ער דערפון אַרויסנעמען, אַ הוראה בעבודתו לקונו, אין דעם "לשמש את קונו".

עאכו"כ פון ניט סתם אַן ענין, נאָר - פון אַ בריוו פון דעם אַלטן רבי'ן, געשריבן צו די און די האמורים לעיל, וכיוצא בהם.

יז. וואָס איז דער ענין אין דערויף כפשוטו, וואָס מ'קען זאָגן, עכ"פ בדרך אפשר, און דער עיקר - אַרויסנעמען דערפון בהנוגע למעשה?

אַז אַ איד, איז אע"פ וואָס לכל לראש דאַרף ער וויסן, אַז "ושכנתי בתוכם",

- און ווי דער של"ה ברענגט אַראָפּ, אַז "אמרו רז"ל", אַז "בתוכו – אין דעם משכן - לא נאמר" [דאָס הויבט זיך דאָך אָן מיט "ועשו לי מקדש" - דער משכן - האָט דערנאָך געדאַרפט שטיין "ושכנתי בתוכו"], נאָר "בתוכם", טייטשט ער אָפּ, אַז דאָס איז דער פירוש "בכל אחד ואחד" -

אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף ער אַרויסנעמען פון דער גאולה אַן ענין וואָס איז נוגע "בתוך כל אחד ואחד", כאמור לעיל, אַז אין זיין לעבן, וואָס זיין לעבן כפשוטו איז דאָך פאַרבונדן מיט "התורה היא חיינו ואורך ימינו" - זאָל דאָרטן זיין די גאולה פון הפצת המעינות ביז ס'וועט צוקומען צו זיין "חוצה".

דערנאָך האָט ער דעם לימוד נוסף:

ער האָט דאָך די עבודה - וואָס איצטער איז דאָך שוין געוואָרן דאָס אַ דין אין שולחן-ערוך - אַז "בכל דרכיך דעהו" כלשון הכתוב, וכלשון המשנה "כל מעשיך יהיו לשם שמים" - דאַרף דאָס אַזוי אויך דורכנעמען אַלע זיינע מעשים, ביז ווי דער ענין כפשוטו, אַז אין דעם ענין פון זיינע מעשים פירט ער זיך אויף ניט נאָר אַז ער איז יוצא ידי חובתו און ער איז ממלא ווי דער דין שטייט אין שולחן-ערוך, אין נגלה דתורה - נאָר ער איז דאָס מקיים און ממלא - אָנגעפילט - מיט דער "נשמתא דאורייתא", מיט כוונת התורה, ובלשון ההלכה: ער טוט דאָס אין אַן אופן פון "לפנים משורת הדין"; אין אַן אופן פון "מדת חסידות",

און "לפנים משורת הדין" און "מדת חסידות" וואָס זיינען שוין אַריינגעשטעלט געוואָרן אין שולחן-ערוך, אָנהויבנדיק שוין פון גמרא, "ועשית הטוב והישר" און "לא חרבה ירושלים אלא על שנהגו בה על פי דינה של תורה", איז דאָס שוין געוואָרן אַ דין אין שולחן-ערוך - דאַרף ער אויף דערויף מוסיף זיין "לפנים" פון דעם דין אין שולחן-ערוך, וואָס בזמן הש"ס איז דאָס געווען "לפנים משורת הדין".

וכאמור לעיל, דער טעם איז אויך מובן: אַז ס'איז צוגעקומען אין חושך העולם; אין דעם חושך וואָס ער דאַרף דאָרטן אויפטאָן - אַז "מעשיך" שבעולם זאָלן זיין "יהיו לשם שמים", איז געוואָרן דאָרטן מערער חושך - מוז ער מוסיף זיין אין דעם אור, אין "נר מצוה ותורה אור", אַז ס'זאָל זיין "מהדרין מן המהדרין".

בשעת ער דאַרף אָנהויבן טאָן אין "מעשיך" אין עולם הזה הגשמי, ובלשון המכילתא (ב"כל מלאכתך אשר תעשה") "ששת ימים תעשה מלאכתך - מצות עשה", איז בשעת מ'געפינט זיך אין מצב פון גלות, האָט דער אויבערשטער געוואָלט, אַז מ'זאָל מען דאַרפן אָנקומען (אויף דעם) צו "זרים";

יח. נאָר איידער ס'קומט דער מצב פון "ועמדו זרים ורעו צאנכם", און זיי זיינען די וואָס כאמור לעיל זיינען זיי דער "מושל בכיפה", לפי שעה - איז אָט דעמולט דאַרף מען אָנקומען "והתפללו אל שלום העיר כי בשלומה יהי' לכם שלום", ביז די אַלע ענינים פון "דינא דמלכותא דינא".

וכמבואר אין פוסקים, אַז דאָרט וואו ס'רירט-אָן אַ דין אין שולחן-ערוך, איז ניט שייך אויף דערויף זאָגן "דינא דמלכותא", וואָרום דאָס איז מלכתחילה ניט געגאַנגען אין גלות; מ'האָט דאָס מלכתחילה ניט געגעבן אין גלות, כאמור לעיל אַז "תורה זו לא תהי' מוחלפת", צי בזמן שבית המקדש הי' קיים, צי בזמן הגלות,

אָבער אין די דינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט "תגרי לוד", אָדער תגרי שאר המקומות ומנהגי המדינות וואָס איז פאַרבונדן מיט מזלות שבשמים - איז אין דערויף איז דאָ דער ענין וואָס מ'האָט זיי געגעבן דעם תוקף פון "דינא דמלכותא", אַז דאָס זאָל ווערן "דינא" פאַר אַ אידן.

וכמדובר כמה פעמים, ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון פוסקים, אַז בשעת ער איז ממלא "דינא דמלכותא" - איז ער דאָס ממלא דערפאַר וואָס דאָס ווערט ביי אים אַ דין פון שולחן-ערוך!

בדוגמא ווי מ'זאָגט בנוגע צו אַ ציווי פון אַ רופא, אַז וויבאַלד אַז זיין מצב הבריאות איז ניט ווי ס'דאַרף צו זיין, איז אָט דעמולט "ורפא ירפא" ווערט אַ ציווי אין תורה "ושמרתם מאד לנפשותיכם", אַז ער דאַרף ממלא-זיין דעם ציווי הרופא - דערפאַר וואָס אַזוי האָט אים געזאָגט תורה!

עד"ז ביי "דינא דמלכותא". עד"ז "והתפללו אל שלום העיר".

יט. ס'דאַרף אָבער אין דערויף זיין דער "נשאת ונתת באמונה", וואָס דערפאַר איז דאָך אויך, אין ענין יוצא מידי פשוטו, אַז ער איז זיך עוסק אין עניני מסחר, אָדער "והתפללו אל שלום העיר", אָדער אין דעם קיום פון "דינא דמלכותא" - איז אָט דאָרטן אויך דאָ דער אָנזאָג, אַז ס'ווערט אויף דערויף דערנאָך די שאלה, אפילו לאחרי מאה ועשרים שנה, וואָס לכאורה איז דאָך דאָס שוין לאחר המעשה, פרעגט מען ביי אים צי "נשאת ונתת באמונה"?

וכידוע דער סיפור פון שמעון בן שטח מיטן אבן טובה וכו' - וואָס דאָס איז געווען בזמן שבית המקדש הי' קיים, מיטן גאַנצן שטורעם פון בית המקדש מיט סנהדרין,

וואָרום שמעון בן שטח איז דעמולט געווען צוריק אין סנהדרין. ועד"ז מיט נאָך כמה סיפורים בתורה.

וואָס זיי האָבן דאָך אין זיך דעם תוקף, ניט כדעת הטועים, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַ סיפור בתורה איז דאָס ח"ו ניט קיין הוראה, נאָר - אדרבא: וויבאַלד אַז דאָס ווערט אַ סיפור אין תורה, האָט דאָס אין זיך דעם תוקף פון "מעשה רב", וואָס ווי די גמרא זאָגט אין בבא בתרא, אַז "אין למידין הלכה לא מפי אגדה, ואפילו לא מפי הלכה" - מ'דאַרף האָבן אַ "מעשה רב"; אַ סיפור שבתורה האָט אין זיך דעם תוקף, אַז דאָס איז אַ "מעשה רב".

עד"ז די סיפורים האמורים.

און בשעת מ'זאָגט אים "נשאת ונתת באמונה, איז דאָס פאַרבונדן מיט דעם ציווי התורה - טוט ער דאָס ווי תורת אמת פאַרלאַנגט דאָס, וואָס דאָס איז דאָך "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום", וביחד עם זה איז דאָס אויך באמת, און ס'ווערט אין אַן אופן אַז דאָס פועל'ט אין די מעשים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיטן מלך המדינה, אָדער שרי המדינה, אָדער שרי העמים וכו'.

כ. וואָס דאָס איז מדגיש, אַז אע"פ וואָס לכאורה איז דאָך דאָ די הבדלה שבין ישראל לעמים,

דערנאָך ווערט דער בלבול פון טענות המבלבלות: "דיו שיפקיע את עצמו"; וואָס וועט ער זיך גיין פאַרנעמען מיט שרי העמים און שרי המדינה וכו', ביז צו אנשי המדינה -

זאָגט מען אים: "והתפללו אל שלום העיר", עד"ז - ובמכ"ש - והתפללו אל שלום המדינה, און תורה פסק'נט אָפּ, אַז כדי ס'זאָל זיין "שלום עיר" און שלום המדינה - איז דאָס, [ווי געבראַכט אין רמב"ן ובכמה ספרים פון גדולי ישראל], מוז מען אָנקומען צו שבע מצוות בני-נח. וואָס דוקא דורך דערויף ווערט "לשבת יצרה", ניט אין אַן אופן של "לתוהו".

זיי זיינען מפרש בפשטות, ביז אין פשוטם של ענינים, ווי אַזוי די שבע מצוות בני-נח מיט אַלע זייערע סעיפים (צי דאָס איז שלשים, ווי ער זאָגט אין מדרש, אָדער נאָכמערער וכו') - איז דאָס יסודות אין קיום יישוב בני אדם - כל בני נח, כל האומות שבעולם.

וואָס דאָס איז אויך ווי דער רמב"ם פסק'נט אָפּ בספרו, אַז אַ איד האָט מען געגעבן דעם ציווי בשעת מתן תורה; פונקט ווי מ'האָט אים אָנגעזאָגט בהנהגתו בעצמו אין אַלע תרי"ג מצוות - איז אויך דאָ געווען דער ציווי - טאַקע על-ידי משה רבינו, אָבער בשעת מתן תורה מהקב"ה - אַז יכוף כל באי עולם, אַז זיי זאָלן מקיים-זיין די מצוות אין וועלכע זיי זיינען מחוייב.

און דערביי האָט מען אויך די דבר האמור לעיל - וואָס דאָס איז דאָך אַ סברא, איז דאָך דאָס אַ דבר וואָס דאַרף ניט האָבן קיין ראיות נוספות בזה - אַז "אינו מבקש אלא לפי כוחו":

לכאורה, ער ווייסט דאָך, ידע אינש בנפשו וואָס ער דאַרף אויפטאָן מיט זיך; ווייס, יד אינש בנפשו וואָס ער דאַרף אויפטאָן מיט "ואהבת לרעך כמוך" - "רעך" בתורה ומצוות -

זאָגט אים דער רמב"ם, אַז ס'איז אַ פסק-דין אין תורת אמת, וואָס זי איז תורת חיים, הוראה בחיים, און תורה זו לא תהי' מוחלפת: ער דאַרף זיך מתעסק זיין אין הפצת פון שבע מצוות בני-נח, (אַז זיי זאָלן נתקיים ווערן) אַז מ'זאָל זיין מקיים זיין כל עמי הארץ!

בשעת אידן האָבן אויף דערויף ניט געהאַט קיין כוח - האָבן זיי אויך ניט געהאַט די מעגליכקייט מלמעלה בדרך הטבע: מ'האָט זיי אָפּגעשלאָסן אין אַ געטאָ וכיו"ב, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין מגע-ומשא, עאכו"כ השפעה, אויף עמי-הארץ שמסביבם.

וואָס דאָס גופא איז אַ הוכחה, אַז וויבאַלד אַז ס'איז אַן "אונס" - איז "רחמנא פטרי'", אָבער אעפ"כ - ווי ער זאָגט אין ירושלמי - "כמאן דעביד לא אמרינן"; דער ענין האָט זיך ניט אָפּגעטאָן, נאָר וואָס דען? - ער איז דערפון פּטור מצד מעמד המקום וזמן,

אָבער ניט דערפאַר וואָס ער מאַכט אַ חשבון עצמו, במילא מישט אין דערויף אַריין דער שכל אנושי שבו; מישט זיך אין דערויף אַריין דער שכל פון נפש הבהמית שלו, פּסק'נט ער פאַרקערט פון דעם רמב"ם, און זאָגט, אַז דער רמב"ם רעדט - נאָך דערויף ווי משיח וועט קומען, אָדער בזמן שבית המקדש הי' קיים, מיט די אַלע פירושים וואָס זיי זיינען אַן ענין היפך פון פירוש הרמב"ם.

בשעת דער רמב"ם האָט געשריבן ספרו "יד החזקה", כאמור, האָט ער געשריבן "הלכות הלכות",

- און אין דערויף זיינען גנוז סתרי תורה, סודות התורה וכו', ווי דער רמב"ם אַליין איז דאָס מדגיש און הויבט-אָן דעם ספר - כאמור לעיל - מיט "יסודי היסודות ועמוד החכמות", אע"פ וואָס דער רמב"ם בשאר המקומות, ווען ניצט ער דעם וואָרט פון "יסודות" - בשעת ס'רעדט זיך וועגן ד' יסודות פון אש רוח מים עפר; דאָס איז פון די געציילטע ערטער ווען ער מיינט "יסודות" פון כל הבריאה כולה, סיי די רוחניות'דיקע סיי די גשמיות'דיקע; פון "כל הנמצאים כולם"!

וכאמור לעיל - כדי צו מרמז זיין, אַז דער ר"ת איז דער ר"ת פון שם העצם ושם המפורש ושם המיוחד.

ועד"ז כמה רמזים פון סודות התורה ברמב"ם.

כא. און ידוע אין דערויף די קשיא: היתכן? (דער רמב"ם) ס'שטייט דאָך אין ספרי קבלה, אַז מתחילה איז געווען ענינו נגלה דתורה (און דאָס איז דער חילוק פון רמב"ם מיטן רמב"ן) - איז דאָך ידוע וואָס ער ברענגט אין "מגדל עוז" ובכ"מ, אַז בסוף ימיו האָט ער אויך געלערנט סתרי תורה, מיט דער גאַנצער אריכות וואָס דער "מגדל עוז" ברענגט אַראָפּ בזה, אע"פ וואָס יש מקשין עליו וכו' - אויפן "מגדל עוז",

וואָס אין כאן המקום להאריך בזה, וואָרום דער עיקר איז, ווי ר' יונתן אייבעשיץ בספרו "אורים ותומים" (וואָס דאָס איז דאָך אַ ספר אינגאַנצן אַ נגלה-ספר, און אָנגענומען אָן קיין חולק בדבר), שרייבט ער דאָרט, אַז די ספרים פון גדולי ישראל, וואָס זיי זיינען נתקבל געוואָרן על-ידי תפוצות ישראל,

[במילא (איז דאָך) - אַלס אַ מאמר המוסגר - איז דאָך אויף דערויף חל דער פסק-דין אין רמב"ם, אַז גזירות ומנהגות וכו' וואָס זיי זיינען נתפשט ונתקבל געוואָרן אין רוב תפוצות ישראל - באַקומען זיי אין זיך אַ תוקף מן התורה, ביז אַ מצות עשה מן התורה און אַ מצות לא-תעשה מן התורה;ביידע זאַכן צוזאַמען],

שרייבט ער דאָרט בפשטות, אַז אע"פ וואָס מ'געפינט דאָך כמה פירושים אין ראשונים, אין גדולי ישראל האמיתיים, (אעפ"כ) וואָס מ'האָט דאָך אויף דערויף די שאלה: היתכן, אַז זיי האָבן געקענט מכוין זיין צו אָט די אַלע פירושים און די אַלע הלכות ופרטי-פרטים וועלכע מ'לערנט אַרויס מדבריהם, וואָס ס'איז ניט בגדר אנושי,

און ער איז דאָס מפרש, אַז וויבאַלד אַז ביי זיי איז געווען "דבר הוי' דיבר בם ומילתו על לשונם", ובלשון פון דעם רבי'ן נ"ע, וואָס איז שוין אויך געדרוקט, אַז די אַלע חיבורים פון גדולי ישראל האמיתיים, ביז'ן מהרש"א און מהרש"א בכלל, זיינען זיי ברוח-הקודש,

שרייבט ר' יונתן אייבעשיץ, כאמור אין ספר אין "אורים ותומים", אַז אויף זיי גייט דער "טעה בדבר משנה" איז דאָס ניט בגדר פון אַ טעות; פּונקט אַזוי ווי משנה בזמן הש"ס - עד"ז די גאונים, ועד"ז די פוסקי ישראל האמיתיים, אין דורות שלאחרי זה. איז דאָס מלכתחילה ניט אין גדר טעות - ווי די אַלע נפק"מ בנוגע צי ער דאַרף באַצאָלן וכו', ווי ס'איז געבראַכט די נפק"מ להלכה בפועל.

און וואָס איז דער טעם בזה? - אַז זיי האָבן געשריבן, איז בשעת'ן שרייבן איז געווען דערביי דער ענין פון רוח הקודש, אָדער בלשון הכתוב "דבר הוי' דיבר בם", האָבן זיי געשריבן אין אַזאַ לשון וואָס ער איז מתאים אל אמיתית התורה, (ווערט דאָס) באַקומט דאָס אין זיך דעם תוקף און דעם תוכן און די דרגא המעלה פון תורה, אַז דאָס איז כולל אין זיך אויך אַזוינע ענינים וואָס בשעת ער האָט דאָס געשריבן האָט ער גאָר אויף דערויף ניט געטראַכט, וואָרום ס'איז ניט געווען בגדר אַז ס'זאָל זיין גענוג צייט אויף טאָן די אַלע ענינים וואָס ער האָט געטאָן בלאו הכי, אָדער מאיזה טעם שיהי' - ווי יעדערער וועט דאָס וועלן מבאר זיין.

וואָס על-דרך זה אויך, ובמכ"ש וק"ו, בנוגע צו רמב"ם וכיו"ב, איז אַז מ'האָט אין דערויף קשיות אָדער שאלות וכו' - האָט מען אויף דערויף דעם כלל, ווי ער זאָגט אין ירושלמי, אַז "דברי תורה עשירים במקום זה" און "עניים במקום אחר", במילא איז דאָרטן ניטאָ קיין "דבר ריק" ח"ו, "ואם דבר ריק הוא" - טייטשט ער אָפּ אין ירושלמי, איז דאָס "ריק מכם"! זוך, ביז וואַנענט דו וועסט געפינען וואו דער ענין ווערט נתבאר בעשירות, ניט מערניט דו לערנסט דעם אָרט וואָס דאָרט איז "דברי תורה עניים במקום זה", און דער ענין ווערט נתבאר ב"עשירות" ובהרחבה במקום שני. ו"יגעת" - וועט זיין "ומצאת". און אויב ער האָט ניט געפונען - איז עס "הוא מכם".

כב. וכאמור לעיל, דערפאַר איז קיין קשיא ניט, וואָס ס'איז געווען זמנים וואָס אידן האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו מקיים זיין די מצוה פון הפצת שבע מצוות בני-נח צווישן בני-נח; פונקט אַזוי ווי ס'איז געווען זמנים וואָס מ'האָט דעמולט געקענט מקיים זיין די מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט בית-המקדש, משא"כ משחרב בית המקדש, מיט די זמנים אין בית-המקדש גופא - ווען "רוב יושבי' עלי'" אָדער מערניט "מיעוט יושבי' עלי'";

מלמעלה שטעלט מען אויס אַזוי דעם מעמד ומצב פון אַ אידן, אַז ער האָט די מעגלעכקייט ניט - במילא איז ער אַן אנוס, און "אונס רחמנא פטרי'", אָבער אַ מצוה קען ניט בטל ווערן, זאָגט דער רמב"ם! אַ מצוה וואָס ווערט גערעכנט איז "התורה לא תהי' מוחלפת", עאכו"כ וואָס זי ווערט גערעכנט אין תרי"ג מצוות.

וואָס ווי דער פשט איז, אַז מ'וויל איינטייטשן, אַז דאָס איז איינע פון תרי"ג מצוות - ס'איז אין כאן המקום להאריך בזה, אע"פ וואָס יש לומר כן, אָבער ס'איז ניט נוגע בגוף הענין: וויבאַלד אַז דער רמב"ם ברענגט דאָס אַראָפּ אין ספרו "הלכות הלכות", און האָט אַ נאָמען געגעבן זיין ספר בשם "משנה תורה" ובשם "יד החזקה", און גדולי ישראל האָבן אויף אים געזאָגט "ממשה ועד משה לא הי' כמשה",

איז ניט שייך זאָגן, אַז מ'זאָל קומען דוקא אין חושך כפול ומכופל פון גלות און וועלן פאַדרייען, רח"ל, ביז פועל זיין אויף אַ צווייטן אידן וואָס וויל מקיים זיין וואָס דער רמב"ם האָט אים אָנגעזאָגט, אויף ניט צולאָזן אים ער זאָל טאָן אין דעם!

כג. וואָס דאָס איז (איינע אַלס אַ) - נאָכן מאמר המוסגר - איינע פון די ביאורים האפשריים:

דער ענין הגאולה, כאמור, איז דאָך פאַרבונדן מיט "יתפרנסון מיני'", וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט "קאתי מר דא מלכא משיחא".

האָט מען געזען בפשטות, אַז פאַר די לעצטע יאָרן און פאַר די לעצטע פאָר דורות, איז געוואָרן אַזאַ מעמד ומצב, אַז ס'איז געוואָרן אַ מגע-ומשא צווישן אידן און ניט-

אידן, ניט ווי ס׳איז געווען לפני זה, אין זמן הגלות, אין ימי הביניים וכיו״ב - שלא בערך אַן ענגערער און אַ מער פאַרבונדענער.

און ס׳איז געוואָרן אין אַזאַ אופן, אַז ס׳איז דאָ כמה אידן וואָס רח״ל לויפן זיי און יאָגן-נאָך, ניט נאָר דעם גוי - נאָר אויך די גוי׳אישקייט וואָס אין דעם גוי! וואָס אין כאן המקום להאריך אין דבר המצער.

אָבער (ווי יעדער ענין אין תורה האָט מען דאָך געגעבן, ״ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב״ און דעם היפך, איז ניט נאָר דעם פירוש היפך פון חיים וטוב בפשטות, אָדער היפך התורה בפשטות; נאר אין דעם אליין וואָס ״נתתי לפניך״, וואָס ״כל הנותן בעין יפה נותן״, און אין וואָס איז געווען די אמת׳ע נתינה פון דעם אויבערשטן צו אידן - איז דאָס נתינת התורה ומצוותי׳; ״אנכי״ - ווי די גמרא זאָגט אין שבת - איז אַ ר״ת ״אנא נפשי כתבית יהבית״ -

איז אין דערויף גופא, האָט דער אויבערשטער געגעבן אַ בחירה, ער זאָל לערנען תורה - ״פנים בתורה״, ״המגלה פנים בתורה״; לערנען תורה לשמה, וואָס ״נעשה לו סם חיים״, און אין דערויף גופא - ווי די גמרא זאָגט אין יומא - איז ״נתתי לפניך את החיים ואת הטוב״ און דערנאָך איז ער ממשיך היפך הדבר.

דער אמת איז דאָך אָבער בזה, אַז ס׳איז מערניט - ווי כל עניני נסיונות, וכמבואר בפרשי המקרא, אַז ״נסיון״ האָט אין זיך צוויי פירושים: אַ נסיון אַז ״מנסה הוי׳ אלקיכם אתכם״ - אַן ענין פון נסיון כפשוטו, ביחד עם זה איז דאָס פאַרבונדן מיטן לשון ״ארים נס על ההרים״, אַז בשעת ער שטייט-ביי דעם נסיון איז אָט דעמולט ווערט ער אויפגעהויבן, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז ער איז בייגעשטאַנען די נסיונות און איז געבליבן ״ומצאת את לבבו נאמן לפניך״, ווי ס׳שטייט בנוגע צו ״והאלקים נסה את אברהם״.

ובלשון הפסוק כפשוטו, אַז ״מנסה הוי׳ אלקיכם אתכם״, איז די כוונה בזה איז - ״לדעת היישכם אוהבים את הוי׳ אלקיכם לעשות״.

כד. וואָס דאָס איז אויך, יש לומר בדרך אפשר, אַז בשעת דער אַלטער רבי האָט מודיע געווען, אַז ער איז נגאל וחופשה ניתנה לו אויף להפיץ המעינות חוצה - האָט ער אויך מודיע געווען, אַז דאָס האָט דערגרייכט צו שרי העמים און צו די מדינות, אַז ניט נאָר זיי האָבן געגעבן חופשה ניתנה לו [וואָס דאָס איז דאָך געווען מוכרח אָנקומען צו זיי, - טאַקע ״כגרזן ביד החוצב בו״; ס׳דאַרף אָבער גיין דורך דעם ״לבוש״ און דורך דעם ״גרזן״], איז דאָ געווען נאָכמערער, אַז זיי האָבן געזאָגט ״מאת הוי׳ היתה זאת״.

און ניט ״מאת אלקים״.

וכמדובר במפרשי המקרא, אַז פרעה - וואָס דאָס איז דער ערשטער גלות און דער מקור אויף אַלע גלויות - האָט געטענה׳ט: ״לא ידעתי את הוי׳״. - בשעת ס׳רעדט זיך

פון "אלקים" - ווייס ער וואָס דאָס איז: "אלקים יענה את שלום פרעה", און דערמאָנט דאָס; אַז ס'קומט אָבער צו "הוי'" - איז דאָס איז ניט זיין ענין! ("חלק הוי' אתכם"[1]) חלק צו "אותות השמים" וואָס דאָס איז שייך צו אומות העולם, דער ענין פון שם "אלקים", לשון רבים, מזלות שבשמים, ביז מלאכים שבשמים.

כה. דערנאָך וועט זיין לעתיד-לבוא "ונגלה כבוד הוי'", וואָס דאָס וועט פועל זיין אויך אַז ס'וועט זיין "ועמדו זרים ורעו צאנכם" -

איז דאָ מעין זה דאַרף זיין אין עבודה פון אַ אידן, כדי ס'זאָל ניט זיין קיין נהמא דכסופא, וואָס די גמרא זאָגט אויף דערויף אַ כלל, אַז "רוצה אדם בקב שלו מתשעה קבים של חבירו", איז מטבע הטוב להיטיב, אַז אויך אָט דער ענין זאָל אין דערויף אויך זיין אַ פעולה ועבודה שלו.

דאַרף ער אויך טאָן - - וואָס דאָס איז, בפשטות, איינע פון די פירושים פאַרוואָס מ'מוז זיך מתעסק זיין ביישובו של עולם.

אפילו אין אַן אָרט וואָס לכאורה איז דאָרט געפינט זיך (ניט) דערווייל ניט קיין איין און איינציקער איד, אָבער ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם אָרט; פירט מסחר מיט דעם אָרט; פאַרדינט פון דעם אָרט, און נעמט פון די געלט אויך אויף צדקה אין קדושה - דאַרף ער זעען, כפי התלוי בו, אַז דער אָרט זאָל זיין אַ מקום פון "לשבת יצרה", דורך דערויף וואָס דאָרטן ווערט נתפשט בפועל קיום השבע מצוות (וכל הסניפים שלהם) וכל הסעיפים שבהם.

וואָס דאָס איז אויך בפשטות - וכאמור, די קשיא הידועה: היתכן, מ'געפינט דאָך ניט בדורות שלפני זה, מ'האָט זיך דערמיט ניט פאַרנומען -

איז צום אַלעם ערשטן איז די שאלה אויף דערויף: ס'איז דאָ אַ כלל, אַז "לא שמענו" - אָדער "לא ראינו" - "אינו ראיה". מ'איז ניט געווען מחוייב דערציילן יעדערן וואָס זוכט קשיות און וואָס זוכט מאַכן שוועריקייטן אין הפצת היהדות - אים דערציילן כל הענינים ווי אידן האָבן זיך געפירט אין דורות שלפני זה.

אעפ"כ האָט מען אויך אויף אים געהאַט רחמנות, און "תורה אחת לכולנה" - האָט מען דאָס אָפּגעדרוקט אין פוסקי ישראל. ווי ס'איז שוין דאָ אויך נאָכן רמב"ם בכמה שאלות-ותשובות, בהנוגע צו דעם רמב"ם ופירושים וכו'.

און דער עיקר - אַ "מעשה רב", וואָס מ'ווייס פון השתדלות פון אמת'ע גדולי ישראל בנוגע צו שבע מצוות בני-נח, און וואָס האָבן אויך איבערגעגעבן, אַז מהם יראו וכן יעשו.

מ'ווייס טאַקע דעם כלל, אַז "קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים",

1. כוונתו למאמר חז"ל עה"פ "אשר חלק ה' אלקיך אותם" - שהפרידם מאחדותו.

כו. וואָס דאָס ווערט דאָך אויך אַז "מגלים פנים בתורה" אויף ניט טאָן מיט אַ צווייטן אידן - וואָרום אים געפעלט ניט ווי אַזוי די הנהגה פון צווייטן אידן איז.

- איי "ואהבת לרעך כמוך" - הויבט ער אָן די קשיות פון "רעך בתורה ומצוותי'". איי וואָס דער רמ"ק שרייבט (אַז) - און אין זהר איז ער מאריך בזה - אַז דער עיקר חדוה למעלה איז - ווען מ'טוט אויף מיט אַ אידן וואָס ער איז שלא כדבעי, "להוציא יקר מזולל": "המלמד את בן עם הארץ תורה"!

- ער האָט אַ פאָטער, און דער פאָטער האָט געלט, און דער פאָטער איז מחוייב "ושננתם לבניך" - זאָגט די גמרא, אַז "להוציא יקר מזולל" איז דאָס ניט ביי דעם וואָס מלמד בנו תורה, אָדער בן חבירו תורה - נאָר "המלמד בן עם-הארץ תורה"! און זאָגט, אַז דערפאַר זאָגט מען "מזולל".

בפרט נאָך, אַז דער "זולל" איז ניט קיין "זולל" - ער איז אַ "תינוק שנשבה בין העכו"ם"! ער ווייס ניט פון קיין אַנדער הנהגה, וואָרום ער האָט דאָס ניט געזעען. [וואָס דאָס איז נאָך מערער ווי אונס, כידוע אויך אין הלכה דער חילוק צי אָן אונס אָדער ער ווייס אינגאַנצן ניט פון דעם ענין פון שבת ו"עיקר שבת" און מלאכות שבת וכו' וכו'].

בשעת מ'זעט, אַז בנוגע צו פרנסה גשמיית האָט מען געעפנט מעגלעכקייט לפני כמה וכמה, ביז וואַנענט, אַז מ'האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין עולם המסחר, אָדער אין עולם הנהגת המדינה, אָדער הנהגת ה"סטייט" אָדער הנהגת העיר, אַז זיי זאָלן דאָרטן קענען האָבן אַ השפעה; ניט נאָר בנוגע צו טובת עצמו, אַז "קצין תהי' לנו" וכיו"ב, נאָר אויך די טובה אַז ס'זאָל ווערן אַ מקום יישוב לכל אלה הנמצאים ביישוב זה.

בפרט נאָך אַז מ'איז דאָס מקשר און מסביר, אַז אויך דער נפש הבהמית זאָל דאָס צונעמען בקלות, וועט זי ניט שטערן אין דערויף - אַז "בשלומה יהי' לכם שלום".

כז. וואָס דאָס איז, יש לומר, דער פירוש וואָס דער אַלטער רבי האָט מוסיף געווען, און געמאַכט דערפון באריכות גדולה, סיי בכמות און נאָכמער באיכות, אַז מ'זאָל וויסן זיין, אַז דאָס איז אַזאַ גאולה וואָס זי איז פאַרבונדן וואָס העם שבמדינה ההיא, מיט די העומדים בראשם, די שרי המדינה, איז ניט נאָר דער חופשה ניתנה לו און מ'האָט אים באַפרייט און ערלויבט מפיץ זיין מעיינות חוצה, נאָר "ענו ואמרו" [כלשון המכתב, און ווי די גמרא זאָגט אין סוטה וואָס "ענו ואמרו" הייסט: "בקול רם" מיט גאַנצן שטורעם (פון) [וואָס] "ענו ואמרו" איז], אַז "מאת הוי' היתה זאת".

און וואו איז דאָס געווען? - איז דאָס געווען - ווי ער איז דערנאָך ממשיך, און אויך כמה פעמים - "בארץ".

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן: וויבאַלד אַז ס'איז דאָ דער "טועמי'" פון דעם לעתיד-לבוא, "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר" "כי פי הוי' דיבר"; ניט נאָר "אלקים", נאָר "פי

הוי' דיבר" – איז שוין דאָ דער "טועמי'", וואָס דאָס איז אויך אַ חלק און דער תכלית פון הפצת המעינות חוצה.

און דערפון, כאמור, קומט אויך אַרויס דער לימוד ביז אין מעשה בפועל, אַז בשעת דער בריוו דערגייט צו אימיצן,

ובפרט נאָך אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט י"ט כסלו, וואָס דאָס איז אַ "יום זכאי", וואָס כאמור לעיל, מידי שנה בשנה שטייט דאָס בתוקף און ווערט נתחדש ביתר שאת דער "זכות" שב"יום זכאי" זה,

זאָל דאָס אים נאָכמער מעורר זיין, נוסף וואָס ער טוט אין שלום ו"דרכי שלום" ו"דרכי נועם",

ביז וואָס "ברבים היו עמדי", ווי דער פירוש הפשוט: אפילו אנשי אבשלום, וואָס זיי האָבן מלחמה-געהאַלטן מיט דוד'ן – זאָגט דוד בפסוק זה (ווי ער זאָגט אין ירושלמי), אַז ער האָט אויף זיי געפועל'ט און אויפגעטאָן, אַז דוד זאָל זיי מנצח זיין!

נאָר נוסף וואָס "ברבים היו עמדי" פון צווישן אידן – זאָל דאָס אויך, אויך אַזוי זיין "ברבים" וואָס געפינען זיך אין רשות הרבים, אומות העולם – אויך אויסנוצן זייער מעמד ומצב בענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט שבע מצוות בני-נח וכל השייך לזה.

און כאמור, וויבאַלד אַז ס'איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט – פעלט מערניט, בלשון הרמב"ם: "הרשות והיכולת נתונה לכל אחד ואחד"; מ'דאַרף נאָר וועלן און אָנהויבן טאָן אין דעם, ביז במעשה בפועל.

כח. וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ביאור בהמשך וואָס מ'האָט שוין גערעדט כמה פעמים, אַז ס'איז אַ הכרח גמור בהחלט דער ענין החינוך פון יעדער קינד און אַלע קינדער;

נוסף אויף דעם חינוך פון אידישע קינדער, וואָס מאיזו סיבה משונה שתהי' איז אפילו במדינה זו, איז רובם גייען אין "פּאַבליק סקול", ניט אין בתי-ספר דתיים!

איז אַ הכרח גמור און פיקוח נפשות, אַז מ'זאָל טאָן ברוחניות, וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט פיקוח נפשות בפשטות, אַז יעדערער זאָל טאָן כל התלוי בו, אַז צו זיי זאָל דערגרייכן דבר הוי',

און מ'האָט געגעבן אויך די מעגלעכקייט, און אויך אַ שינוי, אַז פונקט אַזוי ווי מיט עטלעכע יאָר לפני זה איז דאָס געווען היפך הרצון פון העומדים בראש – איז איצטער נשתנה געוואָרן דער מצב, אַז זיי ווילן אין דערויף מסייע זיין! מבין אומות העולם, ביז צו דעם העומד בראש המדינה.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, כאמור, "מהרסייך ומחריבייך" רח"ל, קומען צו גיין אידן וואָס זענען "נשבו לבין העכו"ם", און פּאַרדרייען דאָס און ווילן דאָס מונע זיין, און מ'פאַרטשעפּעט דאָס מיט דער "קאָנסטיטושאָן" וכו' וכו' -

האָט מען מסביר געווען כמה פעמים, אַז דאָס האָט קיין שייכות ניט צו דער "קאָנסטיטושאָן"; דאָ רעדט זיך וועגן אַ "רגע של שתיקה"; ניט מ'זאָל זאָגן עפּעס, במילא ווערט די שאלה: וואָס וועט ער זאָגן און פון וועמען וועט ער הערן וואָס צו זאָגן וכו' -

דאָס רעדט זיך וועגן אַ קינד זאָל וויסן, אַז צום אַלעם ערשטן ווען ער קומט אין אַ בית-הספר, דאַרף ער האָבן אַ צייט אויף באַטראַכטן זיך וועגן זיך!

במילא, איידער ער וועט גיין אין בית-הספר, וועט ער פרעגן ביי זיין פאָטער און מוטער, אָדער ביי זיין זיידן און באָבען: וואָס זאָל ער טראַכטן די זעכציק רגעים?

בשעת מ'קומט צוגיין און מ'הויבט-אָן שרייען "קאָנסטיטושאָן" - פרעגט מען ביי אים: וואָס קאָכסטו זיך אַזוי?! דעם פּרעזידענט פון דער מדינה האַרט דאָס ניט; דוקא דו, וואָס בשעת ס'קומט צו אַזוי שרייסטו "אתם המעט מכל העמים", וואָס הייסט דו וועסט זיך טשעפּען מיט גויים; "אל תתגרה באומות", און מ'דאַרף גיין נאָך דער "מאַדזשאָרעטי" -

גייט ער אַנטקעגן דעם נשיא המדינה, און זאָגט דעם נשיא המדינה, ער זאָל וויסן זיין, אַז ער וויל טאָן אַ זאַך נגד דער "קאָנסטיטושאָן" על יסוד פון וועלכע מ'האָט אים אויסגעקליבן. און אין דערויף באַווייזט ער זיין ברייטקייט און זיין גרויסקייט און אויף וויפל ער איז אַ מענטש וואָס ווערט ניט נתפעל ווען ס'האָט אַ שייכות צו פּרינציפּ!

זאָגט מען אים: "מושבע ועומד מהר סיני"! איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן אין ארצות-הברית - ביסטו שוין געווען ביי הר סיני, און דאָרט האָט מען דיר אָנגעזאָגט זאָלסט מקיים זיין תורה ומצוותי', און דאָס איז דיין "קאָנסטיטושאָן", וואָס אין איר איז ניט שייך קיינע "אמענדמענטס": "התורה הזו לא תהי' מוחלפת", און דאָ גייסטו מלחמה-האָבן מיט תורה!

כט. נאָכמערער: כדי צו לייכטער מאַכן, אַז אויך אין חושך פון די "תינוקות שנשבו לבין העכו"ם" זאָל דאָס אויך קענען דורכגיין, כאמור - (זאָגט ער) רעדט זיך דאָס וועגן אַ "רגע של שתיקה":

בשעת ס'וועט זיך רעדן וועגן זיין קינד - זאָל ער אים אָנזאָגן ער זאָל טראַכטן וועגן צדק ויושר! ער זאָל טראַכטן וועגן שבע מצות בני-נח.

- אַ אידיש קינד, אָבער דער פאָטער וויל מיט אים ניט לערנען קיין תורה! מסיבות שונות ומשונות! צי די מוטער וויל ניט! און וויל ניט ער זאָל מתפלל זיין להשם. טוט דאָס אָן מאיזו סיבה שתהי' -

זאָגט מען אים: דאָס איז אַ "רגע של שתיקה"! דיין קינד - דיין אינגעלע און מיידעלע - וועט פרעגן ביי דיר, וואָס זאָל ער טראַכטן די זעכציק רגעים? - זאָג אים אָן ער זאָל טראַכטן וועגן "לא תגנוב", וועגן "לא תגזול", וועגן "לא תשקר" - מיט די אַלע ענינים וואָס דאָס איז דער תוכן פון שבע מצוות בני-נח אין לא-תעשה, און אַ ריבוי ווי ס'איז דאָ אין מצוות עשה. ווי די גמרא זאָגט אין סנהדרין, אַז פאַרוואָס איז דאָ שבע? - דערפאַר וואָס מ'רעכנט מערניט ווי לא-תעשה. ס'איז אָבער דאָ אַ ריבוי ענינים אַלס אַ מצות-עשה.

אַז ס'רעדט זיך "קאָנסטיטושאָן", "רעלידזשיאָן", צוזאַמען מישן, מישן זיך וכו' - מ'רעדט וועגן אַ "רגע של שתיקה"! און דער טיטשער און דער פּרינסיפּאַל זאָל זיך ניט מישן אין דעם גאַנצן ענין וואָס ער זאָל טראַכטן, וואָס דאָס וועט ער פרעגן ביי זיי פּאָטער און זיין מוטער,

און וויבאַלד ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַ פּאָטער און מוטער - איז זיכער וועלן זיי אים זאָגן, אַז בשעת די ששים רגעים וואָס ער האָט זאָל ער טראַכטן וועגן גוטע זאַכן.

- וועט ער זוכה-זיין, דער פּאָטער און מוטער, וועט ער אים אויך דערמאָנען, אַז ס'איז דאָ אַ בורא-עולם ומנהיגו; אויב רח"ל ער איז אין אַזאַ חושך כפול ומכופל, אַז ער האָט דערפאַר מורא - וועט ער מיט אים רעדן ("כל ישראל בחזקת כשרות" עכ"פ, וועט ער מיט אים רעדן), אַז די זעכציק רגעים זאָל ער טראַכטן, כאמור, אַז ס'דאַרף זיין "לא תגנוב", "לא תגזול", "לא תשקר" וכיו"ב.

וואָס איז דאָ נוגע צו דעם קינד? אַז דער קינד זאָל וויסן זיין, אַז נאָך איידער ער לערנט חשבון, און נאָך איידער ער לערנט שאר חכמות וידיעות וואָס מ'גיט אים אין בית-הספר - איז ניט דאָס איז דער עיקר; דאָס קומט אַלס אַ צווייטע זאַך. דער עיקר איז, אַז ער זאָל זיין - צום אַלעם ערשטן - "לשבת יצרה"! וואָרום ער געפינט זיך אין אַ וועלט וואָס זי דאַרף זיין אין אַן אופן של יישוב, במילא מוז זיין "לא תגנבו", "לא תגזול", "לא תשקר" וכו',

און דערנאָך, סוף כל סוף, "המאור שבהם", אין די ענינים וואָס ער טראַכט וועגן זיי דערפאַר וואָס דאָס איז "יומען רייטס" אָדער אין די אַנדערע שמות שונות ומשונות וואָס מ'וועט דאָס אַ נאָמען געבן, וואָרום ער האָט מורא פאַר דעם אויבערשטן,

- (כ"ק אדמו"ר שליט"א צחק ואמר:) און ניט דעם אויבערשטן "יראת השם" ווי ס'דאַרף זיין יראת השם; ער האָט מורא צו דערמאָנען שם שמים על פיו! ווי רש"י ברענגט דאָס אַראָפּ אַז ס'איז געווען אַזאַ אויך, נאָך אין זמן האבות.

אָבער עכ"פ וועט ער אים רעדן, אַז דער קינד וועט וויסן, אַז נאָך איידער ער לערנט זאַכן פון וועלכע ער קען דערנאָך מאַכן אַ "קאַריער", און מאַכן זיין פרנסה, און

באַקומען זיין כבוד - דאַרף ער לערנען, אַז ער טאָר ניט צונעמען דאָס וואָס געהערט אַ צווייטן קינד! און טאָר ניט אָפּנאַרן אַ צווייטן קינד!

- ניט דערפאַר וואָס ער האָט מורא, אַז דערפאַר וועט מען אים מעניש זיין, נאָר דערמיט הויבט ער אָן זיין טאָג, און - זיין טאָג אין בית-הספר,

וואָס כאמור לעיל, מצד דעם מצב במדינה זו, איז דער מצב אַזאַ, אַז דער רוב החינוך וואָס קינדער באַקומען דאָ איז דאָס תלוי, ניט אַזוי אין פאָטער און מוטער, נאָר ס׳איז תלוי אין דער "אוירה", אין דעם מעמד ומצב הרוח ווי דאָס איז אין בית-הספר אין וועלכן ער לערנט,

וואָס דאָרטן געפינט ער זיך בתחילת היום, וואָס דעמולט איז ער "פריש" און איז בדוגמא - בלשון המשנה - ווי אַ "נייר חדש", איז דאָס וואָס לערנט דעמולט ווערט דאָס ביי אים איינגעקריצט, משא"כ די זאַכן וואָס מ׳לערנט מיט אים לאחרי חצות היום, לאחרי הצהרים, ווען ער איז פאַרמאַטערט, אָדער מ׳לערנט מיט אים אין אַ "סאָנדעי סקול" וכו׳ - אָדער אפילו דעמולט לערנט מען אויך ניט מיט אים!

ל. וכאמור לעיל, איז שוין געווען דער דורכבראָך, אַז מ׳האָט שוין געפסק׳נט במקום מסויים אין ארצות-הברית, אַז מ׳זאָל ערלויבן דעם "רגע של שתיקה" -

מישט מען זיך אַריין - און די התחלה דוקא מצד אידן, און דוקא אָנגעטאָן אין אַ "זיידענע זשופיצע" - אַז מ׳דאַרף גיין בדרך הצדק והיושר, ניט פאַרשווינדלען די "קאָנסטיטושאָן" - -

ס׳האָט קיין שייכות ניט צו שווינדלען די "קאָנסטיטושאָן"; ס׳איז אַן ענין וואָס דאָס איז אינגאַנצן ניט בסתירה, וואָרום דאָס רעדט זיך וועגן "שתיקה", מיט נאָך וואָס יש להאריך בזה וכו׳.

ס׳איז אָבער ניט נויטיק להאריך בזה - זיי אַליין ווייסן דאָס:

זיי געפינען זיך אַזויפיל אין גלות ביי גוי׳אישקייט - אַז מ׳האָט מורא באַווייזן אַ תנועה וואָס וועט קענען אויסגעטייטשט ווערן, אַז ער איז דער וואָס געהערט צו אַזאַ פאָלק וואָס "דתיהם שונות מכל עם". בפרט נאָך, אַז ער האָט דעם תירוץ, אַז ער איז "מפוזר ומפורד בין העמים".

לא. בנוגע לפועל - והוא העיקר - כמדובר לעיל וכמה פעמים, אַז ס׳ווערט נאָכאַמאָל נתעורר, וואָרום ס׳איז צוגעקומען אַ שעת הכושר, מ׳זאָל אין דערויף טאָן, בפרט בימים אלו, אויף אויסנוצן כל יכלתו באופן המתאים, אַז מ׳זאָל זען דורכפירן די "רגע של שתיקה" - אין די בתי-ספר וואו דאָרט לערנען אידישע קינדער,

און נאָכמערער, כאמור לעיל – וואָס דאָס איז אויך אַ ציווי און אַ הלכה – אין די בתי־ספר וואו ס'לערנען קינדער אפילו וואָס זיינען ניט קיין אידישער קינדער, פון שבעים אומות העולם,

אַז זיי זאָלן וויסן זיין, אַז התחלת היום הויבט זיך ניט אָן פון זאַכן וואָס זיי זיינען אַ תועלת אין פאַרדינען לחמו בעתיד [וואָס "אין אדם יודע במה יתפרנס" מיט כל הענינים שבדבר, וואָס אין כאן המקום להאריך בזה, אעפ"כ טוט מען דאָך בזה בדרך הטבע וכו'], אַז ער זאָל וויסן זיין, אַז התחלת היום און יסוד היום, און דערמיט דאַרף ער צוגיין אויך ווען ער לערנט ענינים וואָס ס'איז נוגע לפרנסתו – לערנט ער פון פריער, אַז "לא תגנוב" און "לא תגזול" און "לא תשקר", און "דרכי נועם ודרכי שלום", און "פדה בשלום" וכו' וכו'.

וכאמור, וויבאַלד אַז ס'איז שוין געוועזן די "פתיחה" בדבר, ביז אין דעם אופן כפשוטו, אין איינעם פון די סטעיטס אָדער אין מער פון איינעם – איז איצטער נאָכמער שעת הכושר, מ'זאָל אויסנוצן די געלעגנהייט,

און אויסנוצן ווי די גמרא זאָגט אין כתובות דעם לשון "כדבעי למיעבד"; ניט פון יוצא-וועגן, נאָר וויסן, אַז דאָס איז "אליבא דנפשי'", כמדובר בכמה הזדמנויות וכו'.

לב. און יהי רצון, אַז דאָס זאָל נאָכמער צוהיילן, דורך דערויף וואָס ס'וועט זיין דער צדק ויושר כפשוטו בכל אומות העולם – וועט דאָס צוהעלפן אַז ס'זאָל זיין "ונתתי שלום".

וואָס מ'זעט דאָך אויך אַ דבר מבהיל, אַז די "מלכיות מתגרות זו בזו" איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזן ווי דוקא אין די חדשים האחרונים, ביז אין שבועות האחרונים, ביז אין ימים האחרונים, והולך ומתדרדר,

– שלא כדעת אלו וואָס ווילן איינרעדן זיך אָדער איינרעדן אַ צווייטן, אַז "שלום עליך" – אַז ס'איז ניט שייך צו זאַגן, ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געוועזן אַזאַ שלום און אַזאַ רואיקייט, וואָס הלוואי זאָל דאָס זיין אַזוי! מ'זעט דאָך אָבער ווי דער מצב איז בפועל, דאַרף מען – ווי דער לשון פון רבותינו נשיאינו – מ'זאָל טראַכטן גוט וועט זיין גוט,

מ'דאַרף אָבער באַוואָרענען דעם מצב בהווה,

וואָס די איינציקע באַוואָרעניש איז, ווי דער פסוק זאָגט, אַ הקדמה צו "ונתתי שלום בארץ" דאַרף זיין "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו".

און דאָס איז נאָך ווייניק – ס'דאַרף זיין "ועשיתם אותם"! ניט נאָר ער טראַכט, און פסק'נט אָפּ דעם דין, און זיצט ביי זיך אין חדר און שרייבט-אָן אַ שאלה-ותשובה, אַז אַזוי איז דער דין, נאָר ס'דאַרף זיין "ועשיתם אותם"!

בדוגמא ווי די גמרא זאָגט ״כמה גדולים מעשי חייא״ – אַז ער איז אַליין געגאַנגען, און אַליין געטאָן, און אָנהויבנדיק פון אָנהויבס, פון כאַפּן דעם הירש בשדה, און דערנאָך זאָל דאָס צוקומען צו לימוד התורה, ביז צו לימוד תורה שבכתב און תורה שבעל פה, ווי די גמרא איז דאָרט מאריך, לחמשה ינוקי תורה שבכתב און לששה ינוקי תורה שבעל פה.

און בשעת אידן זיינען מחליט; נאָך איידער מ׳קומט ״ועשיתם אותם״, די החלטה אָבער איז מצד ״בחוקותי תלכו ומצוותי תשמרו״ – איז דאָך דאָס אַ מחשבה טובה, וואָרום זי איז פאַרבונדן מיט ״אין טוב אלא תורה״; ער טוט דאָס דערפאַר וואָס תורה האָט אים געהייסן אַזוי טאָן און געגעבן כח אַזוי טאָן – אָט דעמולט איז ״מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה״,

און ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ אין איינעם פון די מאמרים, אַז דער אויבערשטער איז אים מזמין, אַז ער זאָל באַקומען אַ געלעגנהייט אויף טאָן אויך דעם מעשה טוב.

וואָס אע״פ וואָס די מחשבה איז געווען אין איין זמן, און די עשי׳ בפועל איז געווען אין אַ צווייטן זמן – איז דער אויבערשטער ״מצרפה״ דיביידע זאַכן צוזאַמען, און ס׳ווערט אַ דבר שלם: אַ מלאך, אַ פרקליט, מיט אַ גוף ונפש, ווי ער איז מבאר אין ספר תניא קדישא.

און יהי רצון, כאמור, אַז צי מ׳וועט אָננעמען דברים הנאמרים צי ניט – אָבער דער עיקר איז, אַז ס׳זאָל זיין בפועל, און זאָל דאָס יעדערער טאָן מאיזה טעם וואָס ער וויל, אָבער טאָן בפועל אין הפצת פון שבע מצוות בני-נח בין אומות העולם, עאכו״כ – הפצת היהדות צווישן אידן, עאכו״כ – הפצת המעינות חוצה,

ומתוך שמחה וטוב לבב,

וואָס שמחה איז דאָך פורץ גדר – וועט דאָס נאָכמער צוהיילן, אַז מ׳וועט פורץ זיין די גדרי הגלות און די הגבלות פון גלות, ו״יעלה הפורץ לפנינו״, ווי ער טייטשט-אָפּ אין מדרש אַז דאָס גייט אויף מלכא משיחא, וואָס ער קומט דאָך פון פרץ בן יהודה, בן יעקב, יצחק ואברהם,

און דאָס וועט זיין במהרה בימינו ממש, ״וארו עם ענני שמיא״ – ״אחישנה״ ממש.

לחיים.

ניגנו ״הללו את ה׳ כל גוים״.

(כ״ק אד״ש דיבר בארוכה עם הרב ש. עלבערג שיחי׳)

ניגנו ניגון שמחה (כוח״ט)

• • •

**שיחה ג.**

לג. מ׳האָט דאָך פריער דערמאָנט, בתוך הדברים, וועגן די זאַכן וואָס מ׳דאַרף אָפּלערנען פון י״ט כסלו בכלל, און פון דעם ענין הגאולה במיוחד.

וואָס אין דערויף איז דאָך דערצו אַ הקדמה און אויך אַ המשך - ובהתחלה, אַז מ׳דאַרף דאָך לערנען ניט נאָר פון דער גאולה אַליין, נאָר די גאולה איז דאָך פאַרבונדן מיט אַ גאולה פון דעם און דעם, זאָגט מען דאָך אויף דערויף ״זה ספר תולדות אדם״, טייטשן דאָך כמה מפרשים, בפרט אין מוסר, אַז ״תולדות אדם״, אַז חיי ימי האדם, איז אויב ער איז נאָר ראוי לשמו ״אדם״ - ״אדמה לעליון״, איז ״תולדות״ שלו, ווי רש״י טייטשט-אָפּ אין היינטיקער סדרה, ״אלה תולדותיהם״, מאורעאות חייו - איז דאָס אַ ״ספר״ פון וועלכן מ׳קען לערנען.

וואָס סתם ״ספר״ גייט דאָך דאָס אויף ספר תורה, הוראה - איז ״תולדות אדם״ איז דאָס אַ ״זה ספר״. עאכו״כ פון אַ נשיא בישראל.

לד. ובהקדמה - בנוגע צו ענין החינוך.

ס׳איז דאָך כמדובר כמה פעמים איז דאָך ״אני (לא) נבראתי לשמש את קוני״, איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ מענטשן כדי ער זאָל משמש זיין את קונו - וועט ער דאָך אים ניט לאָזן בלאָנדזשען און זוכן אַ וועג ווי אַזוי ער וועט משמש זיין את קונו.

וואָס דאָס איז דאָך ניט קיין סדר בכלל, עאכו״כ אויף ״טוב וישר הוי׳״, ״השופט כל הארץ״ - איז אַ זיכערע זאַך, אַז צוזאַמען וואָס ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן איז געוועזן די ״תורה קדמה לעולם״, ״תורה״ מלשון הוראה, האָט ער אים אויך באַוויזן ווי אַזוי ער זאָל משמש זיין את קונו. וואָס דאָס איז, כאמור, ״תורה״ מלשון הוראה.

און ניט באַוויזן אין באַהאַלטענע ווענגן, אין רמזים אַליין, וואָס דעמולט הויבט ער דאָך אָן, ובפרט נאָך אַז דער ״קלוגינקער״ מישט זיך אַריין, ווער ווייס ווי אַזוי ער וועט דאָס טייטשן?

- זאָגט מען, אַז תורה ווערט אָנגערופן ״תורה אור״! אַז ס׳וועט זיין ״תמים תהי׳ עם הוי׳ אלקיך״ און מ׳וועט גיין בתמימות - וועסטו דעמולט געפינען אין שולחן-ערוך, וואָס דאָס איז דאָך אַרויסגענומען תמצית ההלכות פון דברי תורה המפוזרים בכמה מקומות, צוזאַמענגעקליבן יעדער ענין במקומו ובסעיף שלו, און אין אַ לשון אויך אַ לשון מאיר, אין אַ קלאָרן לשון, וואָס דעמולט ווערט דאָס אַ ״תורה אור״; אַ הוראה ברורה ומאירה ווי אַזוי ער זאָל משמש זיין את קונו.

לה. ס׳איז דאָך ״אדם עיר פרא יולד״ - דאַרף ער דאָך אָנקומען צו איינעם וואָס זאָל מיט אים לערנען תורה. ווי דער דין אין הלכות תלמוד תורה, און ״מעשה רב״, אַז צום אַלעם ערשטן הויבט זיך אָן אַז ״אביו מלמדו תורה״, מערניט ווי דעם פסוק

"תורה צוה לנו משה", און דערנאָך ווי דער גאַנצער סדר, אַז "מלמדו אותיות ונקודות" פון תורה שבכתב און תורה שבעל-פה, ביז ער קומט אַז מלמדו הנהגה בפועל, מעשה בפועל.

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער "ושננתם לבניך" כפשוטו, נוסף אויף "ושננתם לבניך" אויף "אלו התלמידים", ווי דער אַלטער רבי פסקנ'ט אָפּ אין הלכות תלמוד תורה, אַז ס'איז אַ חיוב, מצד דעם אָנזאָג פון "ושננתם לבניך", אַז יעדערער וואָס ווייס אַז ס'איז דאָ אַ איד וואָס ער קען זיין זיינער אַ תלמיד, ער קען מיט אים לערנען - ליגט אויף אים דער חיוב פון "ושננתם לבניך - אלו התלמידים", על כל חכם וואָס ס'קען עפּעס לערנען אַ צווייטן.

דערנאָך איז דאָ אַזוינע וואָס זיינען זיכער מקיים דעם ציווי. און ניט נאָר "אזוינע" - נאָר אַ סך זיינען מקיים דעם ציווי, וכל ישראל בחזקת כשרות.

דערנאָך איז דאָך אַזוינע וואָס זיינען זיך מוסר-נפש אויף מקיים זיין דעם ציווי פון ללמד את העם תורה.

לו. וואָס דאָס איז געווען דער תפקיד פון סנהדרין בישראל, ווי ער זאָגט אין תנא דבי אליהו, אַז סנהדרין איז געווען תפקידם, זיי האָבן געדאַרפט זיך פירן, אַז חוגרים את מתניהם בשלשלאות של ברזל, גרייטן זיך אויף אַ לאַנגע וועג, און אויף אַ וועג וואָס איז פאַרבונדן מיט טירחות, במילא אַז ס'וועט זיין סתם אַ גאַרטל וועט ער זיך צורייסן מצד דעם טורח הדרך - דאַרף דאָס זיין אַ גאַרטל וואָס ער איז חוגר את בגדיו בשלשלאות של ברזל,

און אַרומגיין - ניט וואַרטן אַז דער באַלעבאָס וועט קומען צו אים פרעגן מסנהדרין וואָס ער דאַרף טאָן, - נאָר זיי דאַרפן גיין צו דעם באַלעבאָס; זיי דאַרפן גיין צו דעם קטן בידיעה, ביז צו דעם קטן אויך בשנים.

וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין ע"ד פון מסירות-נפש:

בשעת סנהדרין געפינען זיך אין לשכת הגזית, האָבן זיי אַ תוקף פון סנהדרין; בשעת זיי זענען מסבב בעיירות ישראל, זיי גייען אַרויס פון לשכת הגזית - ווערן זיי אויס תוקף פון סנהדרין; זיי קענען נישט פסק'ענען קיין דינים דעמולט אַלס "סנהדרין", וואָרום ס'דאַרף זיין דוקא "על מזבחי", ווי דער דין אָפּגעפסק'נט.

זאָגט מען, אַז זיי דאַרפן אַוועקגיין מתפקידם אַלס סנהדרין, וואָרום זיי גייען אַרויס פון לשכת הגזית, גייען אַרויס פון ירושלים, זיינען נישט שייך פסק'ענען דיני נפשות, דיני סנהדרין וכו' וכו'; צוליב וואָס? - כדי צו מחנך זיין "קינדער" בידיעות אָדער קינדער בשנים, מ'זאָל לכתחילה ניט קומען, "לדעת את המעשה אשר יעשון ואלה אשר לא תעשינה".

וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין של מסירת-נפש. ביז וואַנענט אַז ס'איז מסירת-נפש בפועל.

לז. ווי מ'געפינט דאָס ביי נשיאינו רבותינו, אַז זיי האָבן זיך מוסר-נפש געווען בפועל, ווי מ'האָט דאָס געזעען ביי נשיא דורינו ביים רבי'ן דעם שווער, זיך איינגעשטעלט אין סכנה, בפשטות, כדי צו מפיץ זיין יהדות, מייסד זיין חדרים און תלמוד-תורה'ס מיט מקוואות וכיוצא בזה – נוסף על פעולותיו בעצמו אין לימוד התורה,

ועד"ז – די פון וועלכע ער איז געווען דער ממלא-מקומו.

ווי אַזוי מחנך זיין אַ צווייטן – איז דאָ אויף צוויי וועגן:

דער ערשטער וועג בפשטות איז, דורך דיבור: ער לערנט מיט אים תורה, ער לערנט מיט אים הנהגות טובות וכו', ביז אַז ס'איז אין אַן אופן וואָס "דברים היוצאים מן הלב" – ווערט דאָס ביי אים (יוצאים מן הלב) "נכנסים אל הלב" ופועלים פעולתם,

דערנאָך איז דאָ אַ לימוד וחינוך דורך אַ דוגמא חי': ער באַווייזט אַ לעבעדיקן ביישפיל ווי אַזוי מ'דאַרף זיך פירן, – וממנו יראו וכן יעשו.

וואָס אין דערויף איז געווען חלוקים אויף ביי רבותינו נשיאינו:

ס'איז געווען אַזוינע וואָס ביי זיי איז געווען דער עיקר ענין החינוך דורך דיבור ואמירת תורה וכיו"ב, דערנאָך איז געווען אַזוינע וואָס ביי זיי איז געווען אַן עיקר, אָדער דער עיקר אין אופן החינוך – דוקא דורך מעשה בפועל – דורך הליכה אין עיירות ישראל, ביז אין מעשה בפועל.

ווי מ'געפינט אויך דעם חילוק צווישן בעש"ט מיטן מגיד,

[וואָס אע"פ אַז ווער קען זיך דאָס איינשטעלן צו מאַכן חילוקים ופירושים; דאָ רעדט זיך דאָך אָבער וועגן אָפּלערנען פאַר זיך, וואָס דאָס איז דאָך רבותינו נשיאינוביידע פון זיי – דאַרף מען פון יעדערן זיך לערנען בענינו בכלל, און – בענינו המיוחד].

וואָס דער בעש"ט איז עיקר ענינו געווען, וואָס ער איז געווען מסבב בין ישראל ובעיירות ישראל; ביים מגיד איז געווען דער עיקר – בשעת נשיאות שלו איז ער געווען במקומו, און האָט געזאָגט תורה אָדער איבערגעגעבן תורה על ידי תלמידיו אָדער געשיקט שלוחים. [טאַקע "שלוחו של אדם כמותו", ביז "כמותו ממש" – דאָס איז אָבער "שלוחו", ניט דער אדם אַליין]. מאיזו סיבה שתהי', צי מ'ווייס יאָ צי מ'ווייס ניט.

אין די ענינים וואָס מ'האָט מחנך געווען אַז מ'זאָל אַזוי טאָן, איז געווען אַזוינע וואָס עיקר ענינם איז געווען אָנווייזן וואָס מ'דאַרף טאָן, און געווען אויך אַזוינע וואָס האָבן דאָס דערנאָך אַליין געטאָן.

לח. וואָס דאָס געפינט מען אַן אויסנאַם בנוגע צו דעם אַלטן רבי'ן.

ס'איז דאָך געווען נשיאי חב"ד שלאחריו; נשיאים פון דעם בעש"ט און דעם מגיד שלפניו (אין חסידות הכללות).

[וואָס אע"פ וואָס, כאמור, אין בכוחנו כלל וכלל צו מאַכן חילוקים און לערנען פירושים וכו' - אויב מ'קען אָבער אַרויסנעמען אַ הוראה בנוגע לפועל, איז דאָך דעמולט דאָ דער היתר פון רבותינו נשיאינו, אַז אויב ער וועט דערפון אָפּלערנען אַ הוראה אין יראת השם, אין עבודת השם - אָט דעמולט מעג מען דאָס טאָן].

געפינט מען אַ דבר חידוש ביי דעם אַלטן רבי'ן, וואָס דאָס איז - כאמור - "זה ספר תולדות אדם".

וואָס ער האָט דאָך געלערנט סיי נגלה און סיי חסידות, ווי מ'זעט דאָס פון דעם שולחן-ערוך, וואָס ער האָט נאָך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער נשיאות, נאָך זייענדיק ביי דעם מגיד, כאמור אין דער הקדמה, ועד"ז אין עבודת השם, ובמיוחד אין ספר התניא קדישא, וואָס דאָס ברענגט צו "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו", ע"י אהבתו ויראתו כמדובר כמה פעמים.

דערנאָך געפינט מען אַ דבר חידוש - וואָס ער איז אַליין געווען אַ קורא בתורה. בשעת ס'האָט זיך גערעדט וועגן שיעורים בתורה - שרייבט דער ברודער זיינער אין איינע פון די תשובות, אַז ער האָט אַליין פאַרנומען זיך אין מעסטן "שעורה" און מטבעות וכיו"ב כדי צו מברר זיין אַ שיעור בתורה. בשעת ס'האָט זיך גערעדט וועגן אופן השחיטה פון שוחטים - האָט ער אַליין גערופן די שוחטים, דער אַלטער רבי אַליין, און האָט זיי באַוויזן ווי אַזוי מ'דאַרף טאָן, וואָס מ'דאַרף טאָן און ווי מ'דאַרף זיך היטן וכו' וכו'.

לט. ביז ווי דער סיפור הידוע, אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ מעשה בשבת, אָדער נאָך יום כיפור [ס'איז דאָ אין דערויף נוסחאות שונות], וואָס ס'איז געווען אין מיטן דאַווענען האָט ער אויסגעטאָן דעם טלית און אַוועקגעגאַנגען בקצה העיר, וואָס דאָרט איז געווען אַ יולדת, וואָס כל בני הבית זענען אַוועקגעגאַנגען דאַווענען אין שול, איז זי געבליבן איינע אַליין, און ער האָט דערפילט אַז מ'דאַרף איר אַרויסהעלפן, איז ער אַליין געגאַנגען, אויסגעטאָן דעם טלית, אַליין געגאַנגען און האָט געטאָן כל הענינים וואָס מערניט פיקוח נפש איז דאָס מתיר, כדי צו אַרויסהעלפן דער יולדות.

- בשעת איך האָב דאָס געהערט פון דעם שווער, האָט דער שווער מוסיף געווען, אַז ס'איז געווען אַ צייט וואָס חסידים פלעגן דאָס ניט דערציילן. (כ"ק אד"ש צחק ואמר:) ער האָט אָבער געוואוסט, אַז איך וועל זיך ניט איינהאַלטן, וועט זיין אָדער פריער אָדער שפּעטער וועל איך מאַכן דערפון אַ אַ גאַנצן טראַסק.

- דאַכט זיך איך האָב דאָס שוין אַמאָל דערציילט, אָבער עכ"פ אויב ס'איז ניט געווען קיין טראַסק ביז איצטער - דערצייל איך דאָס איצטער מיט אַ טראַסק.

וואָס לכאורה דער אַלטער רבי האָט געדאַוונט אין אַ שול אַ פולע מיט מענטשן.

אמת טאַקע די גמרא זאָגט "מצוה בגדול". אָבער אעפ"כ, דער אַלטער רבי, וואָס זיין דאַווענען בכלל ווייס מען דאָך וואָס עבודת התפילה פון אַלטן רבי'ן איז געווען, עאכו"כ - עבודת התפילה ביום הכיפורים, וואָס דאָס איז דער יום הקדוש והתפילה של כל השנה כולה!

איז אמת טאַקע "מצוה בגדול", איז (די) [צום] אַלעם ערשטן וואָס ער האָט דערפילט שטייענדיק אין עבודת התפילה פון יום הכפורים, אַז בקצה העיירה, אין דער שטעטל, איז דאָ אַ אשה היולדת:

ער שטייט אין עבודת התפילה!

- דעם אַלטן רבי'ן האָט מען ניט געדאַרפט מסביר זיין "דע לפני מי אתה עומד" - ער איז דאָס מסביר פאַר אַנדערע! בפרט נאָך ווי דער צמח צדק איז מבאר אין שרש מצות התפילה, ווי אַזוי זיין עבודת התפילה איז געווען אין "מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ", איך וויל זע גאָרניסט, ניט גן עדן [העליון] ניט [גן-עדן] התחתון, איך וויל מערניט ווי דיר אַליין, מיט קייקלען זיך בשעת התפילה וכו' -

וואָס דאָ איז, כאמור, דאָ איז נאָך ניט אַזוי דער חידוש וואָס ער איז אַליין געגאַנגען, נאָר דער גרעסערער חידוש איז, אַז שטייענדיק אין עבודת התפילה, פון דעם אַלטן רבי'ן, ביום הכיפורים, אין אַ מקום קדוש, בציבור, תפילה בציבור (וואָס אפילו אין עשרת ימי תשובה זאָגט מען דאָך אויך איז תפילה בציבור מערער ווי אפילו תפילה ביחיד - אע"פ וואָס אַ יחיד בעשרת ימי תשובה זאָגט די גמרא טוט אויף די זעלבע זאַך וואָס בכל השנה דאַרף מען אָנקומען צו אַ ציבור, אעפ"כ איז דאָ אַ מעלה אין ציבור).

איז זייענדיק אין זיין עבודת התפילה, ביום-הכיפור, אין אַ מקום קדוש - האָט ער דעפילט, אַז ס'איז דאָ בקצה העיירה אַ יולדת וואָס מ'דאַרף איר אַרויסהעלפן בגשמיות!

ח. דערנאָך (האָט מען דאָס), כאמור, דערציילט מען דאָס. וואָס דאָס איז, כאמור, "זה ספר תולדות אדם":

ער טראַכט זיך: ער ליגט אין הויכע ענינים, און ניט נאָר דאָס איז ביי אים אַ טעות צמד אהבת עצמו; ער ליגט טאַקע אין הויכע ענינים - אָבער ניט שייך אַז ער וועט טראַכטן אַז ער איז העכער פון דעם אַלטן רבי'ן, אין עבודת התפילה, ביום הכיפורים, בבית הכנסת! - מיט דער גאַנצער אהבת עצמו, און ערך עצמו, און "אדם קרוב אצל עצמו" וכו' - כ'גלויב ניטאָ אַזאַ מציאות.

דערציילט מען אים אָט דעם סיפור.

מ׳זאָגט אים: דו קומסט ניט צו דעם אַלטן רבי׳ן; דו קומסט אָבער ניט אין דיין ליגן אין הויכע ענינים צו דעם אַלטן רבי׳ן. פאַרוואָס איז געקומען צו דיר אָט דער סיפור – ״זה ספר תולדות אדם״ – זאָגט דער בעש״ט: דאָס איז בהשגחה פרטית, כדי דו זאָלסט אָפּלערנען, במעמדו ומצבו, ווי אַזוי דו דאַרפסט זיך פירן!

ועד״ז בהאמור לעיל:

מ׳זאָגט אים: הער זיך איין אַ איד, ביסט אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער טוער, און ס׳איז גאָר ניט שייך צו זאָגן, ווייל ״דע מה למעלה״, כתורה פון דעם אַלטן רבי׳ן, איז דאָס ״ממך״ – אָבער אעפ״כ זאָלסטו וויסן זיין, אַז ס׳איז דאָ גויים אין וועלט, וואָס זיי ווייסן נאָך ניט דעם גודל הענין פון שבע מצוות בני-נח, דאַרפסטו טאָן אַת התלוי בך, אַז דער גוי, זייענדיק אַ גוי,

– איז ער ניט מחוייב זיך מגייר זיין; ניטאָ אַזאַ חיוב אין תורה. אַ גוי דאַרף זיך ניט מגייר זיין. אדרבא, אַז ער וויל זיך מגייר זיין – דאַרף מען אים גאָר אָפּרעדן.

וואָס מ׳דאַרף אָבער יאָ טאָן – מ׳דאַרף זען ער זאָל מקיים זיין שבע מצוות בני-נח.

מא. הויבט ער אויף אַ גוואַלד: וואָס הייסט ער?! מ׳ווייס מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך?! ער זאָגט ״אשרי״, און זאָגט תהלים, און לערנט חסידות, און לערנט נגלה, און מפיץ יהדות, און מפיץ המעינות חוצה – מיטאַמאָל קומען מען צו אים און מ׳איז אים מבלבל: הער זיך איין, ס׳איז דאָ אַ גוי אין וועלט! – ער וויל גאָר נישט וויסן אַז ס׳איז דאָ גויים! במילא עד כדי כך, ער איז זיך מוסר-נפש, פירט מיט זיי ניט קיין געשעפטן.

[– מ׳רעדט ניט וועגן די וואָס בשעת ס׳קומט צו פאַרדינען אַ דאָלער גייט ער אויף אַלע ענינים, און איז מפציר און איז זיך מתחנן אַז אַ גוי זאָל אים טאָן אַ טובה.

– ער ווייס אַז מזונות קומט פון דעם אויבערשטן, איז וואָס דאַרפסטו זיך מתחנן זיין ביי אַ גוי; דאָס הענגט דאָך אָפּ אָן דעם אויבערשטן, – פיר זיך מיט ״גאון יעקב״! – דאַרפסט אים ניט געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז דער וואָס ער איז דיין זן ומפרנס און ס׳הענגט אָפּ בטובו ובחסדו! – ס׳הענגט אָפּ בטובו ובחסדו פון דעם אויבערשטן!

טענה׳ט ער: לבושי הטבע; ״נשאת ונתת באמונה״, און דאָס איז די אמונה פון גוי מיט אַלע-ערליי זאַכן;

נאָר בשעת ער דאַרף זאָגן דעם גוי ״לא תשקר״, ״לא תגזול״ וכו׳ – אָט דאָ הויבט ער אָן זאָגן, אַז דאָס וואָס דער רמב״ם האָט געזאָגט – ניט אים מיינט מען! ניט דעם טאָג מיינט מען! ניט דעם יאָר מיינט מען! ניט דעם אָרט מיינט מען! ניט די מדינה מיינט מען! – דאָס וועט טאָן משיח צדקנו!

איז לא בשופטני עסקינן!]

אפילו אָט די וואָס דאָס איז ביי זיי ניט שייך. ער טענה'ט אָבער: ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט צוטאָן מיט גויים!

זאָגט מען, ער לעבט אָבער אין אַ גאַס וואָס דאָרט איז דאָ אַ גוי. וואָס אָט דער גוי קען זיין ער וועט ניט מקיים זיין שבע מצוות בני-נח, אָדער איינע פון זיי. אַזוי ווי ער האַלט פון דיר, און ער האַלט אַז דאָס וואָס דו וועסט אים זאָגן מיינסטו דאָס מיט אַן אמת - געפין אַ פּאָר מינוט, און רעדט מיט אים - מיט אַן איבערזעצער - אָדער אַליין - און זאָג אים, אַז ווי ער איז אַ מענטש, און באַשאַפן געוואָרן "בצלם אלקים עשה את האדם", און דער אויבערשטער האָט אים געגעבן שבע מצוות בני-נח - זאָל ער מקיים זיין זיינע שבע מצוות בני-נח, מיט די (סעיפים) [סניפים].

איי וואָס דו געוואַלדעוועסט: דערווייַלע וועסטו דאַרפן צונעמען פון דיינע - דאָס איז אָבער אַ מצוה שהזמן גרמא: דער גוי פון קיין אַנדערן וועט ער ניט גלויבן! ווי מ'זעט דאָס בפשטות.

דוקא דערפאַר וואָס ער קומט ניט אָן צום גוי; דוקא דערפאַר וואָס ער האָט פון אים קיין פרנסה ניט, נאָר האָט פרנסה באופן אחר (אָדער פון אידן אָדער פון דעם אויבערשטן דירעקט וכו'), און בשעת דער איד קומט צו אים צוגיין, און זאָגט אים, אַז אע"פ אַז ער האָט מיט אים ניט געהאַט צוטאָן עד היום הזה, אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז קען זיין ער וועט מסיג-גבול זיין, קען זיין ער וועט גנב'ענען, קען זיין ער וועט גזל'ענען - איז ער מקיים אַ ציווי פון דעם אויבערשטן אַז ער דאַרף אים אָפּהיטן דערפון. און דעמולט קען ער אויפטאָן אָט דאָס וואָס אַ צווייטער וועט ניט קענען אויפטאָן.

קומט צוגיין אָט דער סיפור און דערציילט, אַז דו דאַרפסט ניט טרעטן נייע וועגן - אָט דאָס איז דער דרך התורה. נאָר ביי יעדערן - לפי ענינו: אַזוי ווי צו קיין גרעסערן נסיון ווייס מען ניט צי ער וועט ביישטיין - האָט מען אים געגעבן עכ"פ דעם נסיון. און דעמולט וועט זיין "והאלקים ניסה" "לדעת הישכם אוהבים את הוי' אלקיכם".

מב. ועד"ז אויך איז געווען אַ חילוק אין תנאים:

די גמרא זאָגט אין חולין, אַז ר' שמעון איז געווען אַן "עסקן בדברים". - מ'זאָגט דאָס ניט אויף קיין אַנדערן. טייטשן אָפּ מפרשי הש"ס: אַזוי ווי ס'איז געווען, ס'איז דאָ ווי מ'לערנט די הלכה, און דערנאָך איז דאָ ווי מ'דאַרף פשוט אַ קוק-טאָן דעם קורקבן אָדער בני-מעיים אָדער די ריאה אָדער די סירכא וכו', אָדער משער זיין סימני עוף וחי' וכו'. איז ר' שמעון האָט זיך געקאָכט אין דעם, אַז ניט ער וועט מערניט ווי טאָן דעם חלק ההלכה - נאָר מעשה רב: "עסקן בדברים" בנוגע לפועל.

איז דאָ חילוקים אין די הנהגות פון תנאים. איז אָבער אין דערויף דער פשט, ווי דער אַלטער רבי איז מפרש דעם חילוק וואָס ער זאָגט אין זהר און אין תיקוני זהר, אַז

ס׳איז דאָ אָט די וואָס זיי זענען ״מארי דאורייתא״, און דאָ אָט די וואָס זיי זענען ״מארי עובדין טבין״, ובלשון הנגלה: ״זבולון״ ו״יששכר״.

איז אָבער ניט דער פשט, אַז ישכר האָט קיינמאָל נישט געגעבן קיין צדקה, וואָרום ״האומר אין לי אלא תורה״ איז ״אפילו תורה אין לו״. האָט ער זיך אויך מתעסק געווען אין ״עובדין טבין״.

און ניט דער פשט, אַז ״מארי עובדין טבין״ האבן קיינמאָל נישט געלערנט קין תורה ח״ו - זיי האָבן געהאַט קביעות עתים בתורה בכל יום, ווי ער זאָגט אין הלכות תלמוד תורה, וואָרום ״כל ישראל בחזקת כשרות״. אעכו״כ אַז מ׳זאָגט אַז זענען ״מארי עובדין טבין״.

די נפק״מ איז אָבער: וואָס איז ביי אים דער עיקר העבודה און דער עיקר שליחות און דער עיקר דער אופן פון לשמש את קונו, און - דאָס וואָס דאָס קומט ביי אים אַלס אַ צווייטע זאַך.

מג. און דאָס איז אויך, כאמור, וואָס מ׳לערנט אָפּ פון ״זה ספר תולדות אדם״. וואָס לכאורה, ווער קען זיך לערנען, ״מי ישוה לו ומי ידמה לו״, און ״מי הוא זה ואיזה הוא אשר ערב לבו לגשת״, ווי דער אַלטער רבי שרייבט בנוגע צו משה בדורו, עד״ז - ״אתפשטותא דמשה בכל דרא״ - דער אַלטער רבי בדורנו; ס׳איז דאָך אַ פּועלה נמשכת עד דור הזה ועד סוף כל הדורות -

אעפ״כ, כאמור, וויבאַלד אַז מ׳האָט אונז דערציילט אָט דעם סיפור, איז אַ סימן אַז אין דערויף איז דאָ אַ הוראה, ווי דער בעש״ט טייטשט-אָפּ: אַ הוראה פון תורה אור, אַ ליכטיקע הוראה, וואָס מ׳דאַרף דערפון אַרויסנעמען.

מד. און יהי רצון, אַז מ׳זאָל דאָס אויך טאָן מתוך שמחה וטוב לבב, ווי כל עניני תורה ומצוותי׳, און ווי דער אַלטער רבי איז מאריך אין תניא, אַז עבודת השם דאַרף זיין בשמחה ובטוב לבב, ״וידוע״ וואָס ס׳שטייט אין כתבי האריז״ל בפירוש הענין,

וואָס דעמולט איז כאמור לעיל, איז שמחה פורץ גדר,

און אָט דאָס וואָס יעקב האָט געבעטן, ווי רש״י ברענגט אַראָפּ אין תחילת פון פרשת וישב - וואָס דאָס איז די קביעות-עתים פון י״ט כסלו בשנה זו.

פרעגט מען דאָך די שאלה: ״ביקש יעקב לישב בשלוה וקפצה עליו רוגזו של יוסף״ וכו׳ וכו׳. פרעגט מען די שאלה: יעקב איז געווען ״בחיר שבאבות״, און ״ביקש לישב בשלוה״ - היתכן אַז ס׳איז גאָרניט מקויים געוואָרן?!

מוז מען דאָך זאָגן, אַז ער האָט אויסגעפירט, און ס׳מוז זיין דער תירוץ אין פשוטו של מקרא. דערנאָך איז דאָ ווי דער פירוש איז אויך על-דרך ההלכה.

וואָס אין פשוטו של מקרא זאָגט מען, אַז דערנאָך איז געווען ״ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה״, וואָס דאָרט איז געווען שנים של התיישבות ושל מנוחה. וואָס דאָס איז דער תירוץ בפשטות הענינים,

דערנאָך איז דאָ ווי אין פנימיות הענינים, ביז ווי ס׳איז דאָ ווי יעקב איז דאָך כולל כל בני ישראל, ווי דערמאָנט ביי די פריערדיקע התוועדות וואָס דער אַלטער רבי שרייבט אין אגרת הקודש אויף ״ויקרא לו א-ל אלקי ישראל״, וואָס דאָס (״ויקרא לו״) גייט אויף יעקב׳ן כפשוטו, וואָרום נשמתו האָט כולל געווען כל נשמות שבישראל, און ער איז מוסיף ״מעולם ועד עולם״,

איז דערנאָך איז דאָ דער ״ביקש יעקב לישב בשלוה״, נאָר ״האריך לו את הדרך״ ״עד אשר אבוא אל אדוני שעירה״, וואָס דאָס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש, וואָס ״ועלו מושיעים בהר ציון״ ביז ״והיתה להוי׳ המלוכה״,

ומתוך שמחה וטוב לבב. לחיים.

ניגנו ״אני אמרתי״.

• • •

**שיחה ד.**

מה. ס׳איז דאָך אויך דער מנהג מידי שנה בשנה, אין י״ט כסלו זאָל מען אויך מאַכן חלוקת הש״ס אויף שנה הבאה - פאַנאַנדערטיילן מסכתות אין אַן אופן, אַז מ׳זאָל זיי מסיים-זיין ביז ניט שפּעטער ווי י״ט כסלו הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה, צוזאַמען מיטן סיום אויף דער חלוקת הש״ס וואָס איז געווען אין י״ט כסלו בשנה שלפני זה.

און צוזאַמען דערמיט, כמנהג ישראל, אויך זאָגן - על כל פנים בקיצור - אַ סיום. וכמדובר, ווי ס׳איז כמנהג בכמה מקומות און אויך אין די לעצטע יאָרן דאָ.

וואָס אַזוי וועט מען דאָך שפּעטער אויף פאַנאַנדערטיילן צעטלען, כדי יעדער זאָל זיך מתנדב זיין בזה און מודיע זיין וואָס פאַראַ מסכתא ער נעמט על מנת לגומרה.

און ווי מ׳זעט דאָס בפועל:

לכאורה איז דאָך ״כלפי שמיא גליא״ - איז דאָך אָבער בטבע האדם, אַז בשעת ער שרייבט דאָס אָן, זיין התנדבות לבו, בכתב, און גיט דאָס אַוועק אַ צווייטן - גיט דאָס אים מערער כוחות און מערער זירוז, אַז ער זאָל עומד זיין בדיבורו, אפילו אויב ס׳וועט זיין שוועריקייטן, און מקיים-זיין הבטחתו, וויבאַלד אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען בכתב, און דער כתב געפינט זיך בידו של אחר וואָס קען ביי אים אַ פרעג-טאָן, אָדער שיקן אָנפרעגן, צי האָט ער מקיים-געווען הבטחתו.

ובפרט נאָך, אַז דאָס איז דאָך הבטחתו וואָס איז נוגע צו די אַלע משתתפים, כמדובר כמה פעמים פון די הלכה אין הלכות שבת, אַז אַזוי איז אַ מלאכה בשבת ווערט דאָס גערעכנט פאַר אַ מלאכה שלימה, ווען דאָס ווערט געטאָן על ידי אחד; בשעת אָבער "מלאכה שאי אפשר לעשותה על ידי אחד", דוקא על ידי שנים - איז אָט דעמאָלט איז יעדערער פון זיי חייב פונקט ווי ער וואָלט געטאָן אַליין די גאַנצע מלאכה.

על דרך זה, וויבאַלד אַז "מפני צוק העיתים" איז דאָ כמה וכמה פון אידן וואָס זיי זיינען ניט ביכולת אויף מסיים-זיין כל הש"ס כולו במשך פון איין יאָר, פון איין י"ט כסלו ביזן צווייטן, איז בשעת זיי זיינען זיך משתתף מיט נאָך כמה וכמה און מ'איז מחלק כל הש"ס בין כולם - איז אָט דעמאָלט, אף על פי וואָס מערניט ווי איינער האָט געלערנט די מסכתא; וויבאַלד ער לערנט דאָס אַלס אַ משתתף - איז דאָס פונקט ווי אַלע משתתפים האָבן געלערנט אויך אָט די מסכתא.

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אויב חס ושלום ביי אים וועט פעלן אין זיין לימוד המסכתא - איז ניט נאָר, אַז דאָס פעלט ביי אים אַלס אַ יחיד; דאָס האָט ער גורם געווען, רחמנא ליצלן, אַז ביי די אַלע משתתפים אין דער חלוקה האָט געפעלט - זיי האָבן געלערנט כל הש"ס כולו אַחוץ אָט די דפים וואָס ער האָט ניט געוואָלט לערנען, אָדער ניט געקענט לערנען, אָדער זיי גורם געווען אַן אונס וכיוצא בזה.

וואָס דאָס גיט נאָכמער צו זירוז, כאמור לעיל, און איבערקומען די שוועריקייטן, אויב אפילו ס'וועט זיין שוועריקייטן - וויבאַלד ער ווייס אַז אַלע ווייסן דערפון, און מ'האָט זיך פאַרלאָזן אויף אים בהנוגע למסכתא זו, וויבאַלד אַז ער האָט געשריבן און האָט דאָס איבערגעגעבן, אַז די מסכתא נעמט ער אויף זיך.

מו. על כל פנים, מצד קוצר הזמן, וועט מען אויך מאַכן אַ סיום, בקיצור, און דערנאָך אויך פאַנאַנדערטיילן די צעטלען -

ובהקדמה, אַז מ'איז דאָך רגיל מאַכן סיומים מידי שנה בשנה, ונוסף על זה איז דאָך "לא אלמן ישראל", איז דאָך דאָ בכל תפוצות ישראל וואָס מ'לערנט ש"ס, גאַנץ ש"ס, אָדער מ'טיילט דאָס פאַנאַנדער, און מ'לערנט אַ יחיד אָדער יחידים וכו', און מ'איז מסיים ש"ס מידי פעם בפעם, און מ'מאַכט אויך אַ סיום, כמנהג ישראל.

וואָס דערפאַר איז דאָך דאָ אויך כמה סיומים, און ווי ס'ווערט אָנגערופן בשם "הדרן", וואָס זיינען שוין געדרוקט בכמה ספרים בזה,

רובם ככולם, על כל פנים פון די וואָס איך האָב געזען, זיינען זיך עוסק אין אַ סיום פון אַ מסכתא, אָדער אַ סיום פון דעם ש"ס, אָדער דעם סיום פון אַ "סדר", אַמאָל אויך פון פרטים בדבר - אָבער רובם ככולם, כאמור, איז מען זיך עוסק אין אַ פירוש וביאור אָדער פון דער לעצטער משנה אָדער פון דעם לעצטן מאמר אין דער מסכתא אָדער

וכיוצא בזה אין דעם סדר משניות וכו', און מ'פאַרנעמט זיך ניט מיט כללות הענינים וכללים אין אַ סיום –

אף על פי וואָס זיי ווערן אויך געבראַכט בכמה מקומות, און דורך זיי פאַרענטפערט מען אויך די קשיות פרטיות וואָס מ'האָט אין משנות מסוימות אָדער מאמרי אמוראים מסויימים בכמה סיומים.

מז. און דאָס איז, אַז ס'איז דאָ אַ כלל אין אַ סיום, בלשון הגמרא, אַז "אין מסיימין אלא בדבר טוב", ווי תוס' ברענגט דאָס אויך אַראָפּ און פאַרענטפערט דערמיט דעם סיום אין מסכתא נדה, וואָס דאָס איז סוף הש"ס, ועל דרך זה אויך אין סוף פון ששה סדרי משנה, ועל דרך זה אין סוף מסכתא ברכות, כפי שיתבאר לקמן, על כל פנים בקיצור.

על דרך זה איז אויך דאָ נאָך אַ צווייטער כלל, אַז "הדרן" איז דאָך אויך איינער פון די פירושים בזה, אַז "מ'קערט זיך אום" – פאַרבינדט מען דאָס אויך אין אַ סיום, אַז מ'איז דאָס מקשר מיט דער תחילת המסכתא, אָדער תחילת ה"סדר" אָדער תחילת הש"ס; ער ("קערט זיך אום") איז סומך די סיומו לפתיחתו.

וכמדובר כמה פעמים, ווי דער לשון אין דעם "רשות" וואָס מ'זאָגט בשמחת תורה, אַז מ'איז סומך, "תוכף" סיומה להתחלתה, ["מתכיפין התחלה להשלמה"].

וואָס דאָס איז דאָך אויך – ניט נאָר וואָס ס'איז דאָך אַזוי מנהג ישראל, וואָס "מנהג ישראל" איז דאָך "תורה הוא" – זאָגט דאָס אויך תוס' בפירוש, און דוקא אין מסכתא ברכות,

וואָס ער זאָגט דאָרט אין ברכות, אַז "כל פרשה שהיתה חביבה על דוד" איז "פתח בה באשרי וסיים בה באשרי".

פרעגט תוס' די שאלה: מ'געפינט מערניט ווי איין מאָל אַזוי; וואָס איז דאָס "כל פרשה"?! זאָגט תוס', אַז "אשרי" איז לאו דוקא, נאָר דאָס מיינט מען, אַז דער סיום זאָל זיין מעין הפתיחה און די פתיחה זאָל זיין מעין הסיום. במילא, אַז ס'הויבט זיך אָן מיט "הללוי-ה" און ס'פאַרענדיקט זיך מיט "הללוי-ה" איז דאָס אויך פונקט ווי דאָ איז דאָס מיטן וואָרט "אשרי", אַזוי איז דאָס אין דעם וואָרט "הללוי-ה" וכיוצא בזה.

וואָס דאָס איז דאָך, אין אַנדערע ווערטער, דברי התוס' אַ כלל אין סיומים, אַז דאָס דאַרף זיין פאַרבונדן מיט תחילת הענין וועלכן מ'איז מסיים,

פונקט אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ סיום וואָס מ'מאַכט אויף ש"ס, כמדובר לעיל בחלוקת הש"ס בי"ט כסלו, וואָס ברוב המקומות איז מען מסיים מערניט ווי ביז מסכתא נדה, דאָס הייסט די מסכתות וואָס ס'איז דאָ גמרא, ס'איז אָבער דאָ אויך ערטער וואָס מ'איז אויך מחלק דעם ש"ס אפילו אין די מסכתות וואָס ס'האָט מערניט ווי משנה, וואָס

דעמאָלט איז סדר טהרות איז ניט נאָר מסכתא נדה, נאָר אַלע מסכתות שבסדר טהרות. ועל דרך זה אין סדר זרעים, ניט נאָר מסכתא ברכות, נאָר אַלע מסכתות שבסדר זרעים.

נוסף אויף דערויף וואָס ס׳איז דאָ אויך סיומים וואָס מ׳מאַכט דאָס אויך אין מסכתות שבירושלמי, נוסף על האמור - אַ מסכתא איינע אַליין.

מח. וואָס אויף יעדערער פון זיי דאַרף מען דאָך גיין בתר טעמא. פונקט אַזוי ווי מ׳זאָגט אויף איינע פון די סיומים, אַז בשעת מ׳איז מסיים דאַרף מען מסיים-זיין ״בדבר טוב״; מצד דעם טעם שבדבר - איז פאַרשטאַנדיק, אַז ס׳איז די זעלבע זאַך צי מ׳איז מסיים איין מסכתא, אָדער איין ״סדר״, אָדער ש״ס כולל אין זיך מערניט ווי מסכתות של גמרא, אָדער אויך ש״ס, ״ששה סדרי״ ווי ער איז כולל אין זיך אַלע מסכתות.

וואָס דערפאַר איז דאָך אויך, מ׳פאַרבינדט דאָס וואָס די גמרא זאָגט, אויך אין מסכתא ברכות, סיי אין בבלי און סיי אין ירושלמי, אַז ס׳איז דאָ אויך אין נביאים, וואָס כדי ״לסיים בדבר טוב״ חזר׳ט מען איבער דעם לעצטן פסוק.

און מ׳ברענגט די דוגמא בנוגע צו קינות, צו איכה, וואָס ס׳איז דאָך מסיים אין אַ דבר בלתי-טוב, וואָס דערפאַר חזר׳ט מען איבער דעם לעצטן פסוק, ״השיבני הוי׳ אלקיך ונשובה חדש ימינו כקדם״.

דערנאָך איז דאָ ווי אין בבלי נעמט ער אָן, אַז די זעלבע זאַך טוט מען אויך אין ישעי׳ און אויך אין קהלת און אויך אין תרי-עשר, ווי ס׳שטייט דאָך אויך דער סימן, שוין געדרוקט אין כמה תנ״ך׳ן,

אָבער אין ירושלמי נעמט ער אָן מערניט אַז (אַ) ״איכה״, און פאַרענטפערט, אַז אין אַנדערע ערטער איז דאָס פאַרבונדן מיט ״פורענותא״ פון אומות העולם, במילא איז דאָס ניט קיין דבר רע, וואָרום ס׳דאַרף דאָך זיין ״את רוח הטומאה אעביר מן הארץ״, און בנוגע צו פורענותא דאומות העולם, איז דאָך דער פירוש בזה, אַז מ׳איז מבער דעם דבר בלתי-רצוי, ואדרבא - דערנאָך איז ״ועמדו זרים ורעו צאנכם״, טוען זיי אָט דאָס וואָס בעלי-עסק טוען איצטער, אַ בעל עסק מישראל.

וואָס דערפון גופא זעט מען, אַז (אין סיום) אין דעם ענין פון ״לסיים בדבר טוב״ איז דאָ כמה דרגות:

ס׳איז דאָ אַ טוב וואָס ער איז מערניט ווי אַ טוב לישראל, משא״כ אין אומות העולם קען דאָס זיין היפך הטוב; וויבאַלד אַז דאָס איז אָבער טוב לישראל איז קען מען דערמיט מסיים זיין.

דערנאָך איז מען זיך ניט מסתפק מיט דער דרגא אין טוב, און ווי בבלי נעמט-אָן, אַז מ׳חזר׳ט איבער אויך דעם פסוק ניט נאָר אין (קינ) איכה, נאָר אויך אין ישעי׳ און תרי-עשר און אין קהלת.

דערנאָך אין דעם טוב גופא איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז ס'איז דאָ כמה דרגות בטוב, מ'דאַרף דאָך אויף דערויף ניט האָבן קיין ראיות, און אדרבא - דערמיט ווערט פאַרענטפערט דער סיום ווי מ'מאַכט אים אויף ששה סדרי משנה, מיט די מסכתות וואָס (זיינען) האָבן מערניט ווי משנה, ניט גמרא.

וואָס דער סיום פון ששה סדרי משנה, [און דאָ ווערט מען יוצא-זיין אויף דעם מנהג ישראל ניט נאָר רעדן וועגן כללים אין סיומים, נאָר וועגן אַ סיום אַליין], איז דער סיום איז, אַז "אמר ר' יהושע בן לוי" אַז "כל צדיק וצדיק" האָט ער "שלש מאות ועשר עולמות", "שנאמר להנחיל אוהבי יש ואצרותיהם אמלא", וואָס "י"ש" איז בגימטריא ש"י, דריי הונדערט און צען, און "אמר ר' שמעון בן חלפתא לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, שנאמר ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום".

פרעגט אויף דערויף דער תוס' יו"ט: דער סדר הדורות איז דאָך געווען, אַז פריער איז געווען ר' שמעון בן חלפתא, וואָס בזמן רבינו הקדוש איז ער שוין געווען אַ זקן, דערנאָך איז געווען ר' יהושע בן לוי, וואָס ער איז געווען שוין אין אמוראים, [ס'איז מ'ערניט וואָס אין דער משנה האָט מען אים אַריינגענומען אויך אין משנה] - האָט דאָך געדאַרפט פריער זיין ר' שמעון בן חלפתא און דערנאָך ר' יהושע בן לוי.

און פאַרענטפערט אויף דערויף: אַזוי ווי מ'וויל מסיים-זיין ניט סתם מיט אַ דבר טוב, נאָר מ'וויל מסיים-זיין מיט שלום:

בשעת ער וואָלט מסיים-געווען, אַז "כל צדיק וצדיק" האָט "ש"י עולמות", איז דאָס אויך אַ סיום "בדבר טוב"; ס'איז אָבער אין טוב גופא איז דאָס נאָך ניט די דרגא פון שלום,

וואָס דערפאַר האָט רבינו הקדוש משנה געווען דעם סדר - כדי לסיים אין דבר טוב גופא, אין דעם טוב בתכלית השלימות, וואָס דאָס איז דער ענין פון שלום. וואָס דוקא שלום איז דאָס כלי מחזיק ברכתו של הקב"ה.

ש"י עולמות איז נאָך ניט כלי מחזיק ברכתו של הקב"ה, בשעת ס'קומט אָבער שלום - אָט דאָס איז כלי מחזיק ברכתו של הקב"ה.

ועד כדי כך איז דער חילוק נוגע, אַז צוליב דערויף רירט מען אָן, לכאורה, בכבודו פון ר' שמעון בן חלפתא, און מ'שטעלט אים נאָך ר' יהושע בן לוי.

אויב מ'דאַרף האָבן אַ סיום [בדבר טוב] אויף די לעצטע מסכתא פון ששה סדרי משנה - על אחת כמה וכמה, אַז ס'דאַרף זיין אַ סיום [בדבר טוב] אין דער ערשטער מסכתא, וואָס דאָס איז מסכתא ברכות.

אויב מ׳דאַרף האָבן, אַז דער כלל זאָל זיין מודגש אין סיום כל המסכתות – על אחת כמה וכמה, אַז דער כלל דאַרף זיין מודגש אין דער ערשטער מסכתא פון די אַלע ״ששים המה מלאכות״.

אויב מ׳דאַרף האָבן, אַז דער כלל זאָל זיין מודגש אין גמרא, וואָס קומט לאחרי המשנה – איז על אחת כמה וכמה, אַז ס׳דאַרף קומען בתחילת כל הענינים, אין דעם סיום המשנה פון מסכתא ברכות.

וואָס דער סיום אין מסכתא ברכות במשנה איז, אַז פריער זאָגט מען דאָרטן, אַז מ׳האָט מתקן געווען, אַז מ׳זאָל זיין ״שואל [את] שלום חבירו בשם״, בשם פון דעם אויבערשטן.

ווערט דאָך אַ שאלה, אַ שטורעם: היתכן? שם שמים?! האָט מען אָבער מתקן געווען, אַז מ׳זאָל (שואל אדם) ״[שיהא אדם שואל את] שלום חבירו בשם״.

ווערט דאָך די שאלה: היתכן? - זאָגט די משנה דעם טעם אויף דערויף, ״שנאמר עת לעשות להוי׳״ איז אפילו ווען דאָס איז ״הפרו תורתך״: לכאורה שם שמים ניט לצורך, ״הפרו תורתך״ – ס׳איז אָבער ״עת לעשות להוי׳״ מ׳זאָל (זיין) שואל-זיין ״שלום חבירו בשם״.

דערנאָך זאָגט די משנה: ״רבי נתן אומר הפרו תורתך משום עת לעשות להוי׳״. און דערמיט ענדיקט זיך מסכתא ברכות, די משנה שלו.

פרעגט מען די שאלה: וואָס האָט דאָ ר׳ נתן אויפגעטאָן? דאָס איז דאָך דער זעלבער פשט אין דעם תנא קמא אויך: וואָס מיינט דער תנא קמא (פון פיר) פון פסוק? אַז אף על פי וואָס דאָס איז ״הפרו תורתך״ איז אף על פי כן איז ״עת לעשות להוי׳״.

פאַרענטפערן מפרשים, אַז דעמאָלט איז דער סיום פון (דער משנה) מסכתא ברכות אין משנה ניט מיט קיין דבר טוב:

לויט ווי דער תנא קמא זאָגט, מיט וואָס איז ער מסיים? – ״עת לעשות הוי׳ הפרו תורתך״, איז ער מסיים מיט ״הפרו תורתך״.

קומט צוגיין ר׳ נתן און באַוואָרנט דאָס, און מ׳שטעלט דאָס אַריין אין דער מסכתא, אין דער משנה: כדי מ׳זאָל מסיים-זיין בדבר טוב, נעמט ער אויף זיך, אַז אף על פי וואָס די משנה בכלל איז ניט מפרש דברי׳, וואָרום דער לשון המשנה איז אַ ״לשון קצר״, און מ׳פאַרשטייט אַליין וואָס די משנה מיינט,

דאָ (איז מען) אָבער גייט מען אַרויס מכלל (המשנה) סדר המשנה און מ׳איז מוסיף, וואָס כאמור אין כמה אחרונים אַז דאָס איז גאָר אַ ברייתא, (און מ׳האָט אַרויסגענומען דעם מאמר) און מ׳געפינט דאָס טאַקע אין תוספתא אין ברייתא דעם מאמר ר׳ נתן, און מ׳האָט דאָס פון דאָרטן מצרף געווען צו דער משנה, אין דער מסכתא אין משנה – כדי

צו מסיים-זיין בדבר טוב, אַז מ'זאָל ניט מסיים-זיין מיט "הפרו תורתך", נאָר מסיים-זיין מיט "עת לעשות להוי'".

וואָס דאָס איז (דער זעלבער טוב) דער זעלבער תוכן; כדי אָבער די ווערטער ווי זיי שטייען בגלוי זאָל זיין טוב - צוליב דערויף אַליין נעמט מען אַרויס אַן ענין פון ברייתא און דאָס ווערט אַ גדר פון אַ משנה, און מ'חזר'ט איבער אַ זאַך וואָס איז לכאורה פאַרשטאַנדיק בלאו הכי,

און מ'זאָגט דאָס בשם אומרו, אַז דאָס איז ר' נתן, וואָס בכלל איז רבי ור' נתן איז דאָס סוף משנה, אָבער אף על פי כן ר' נתן איז געווען נאָך רבי'ן, און רבינו הקדוש איז געווען דער מסדר המשנה,

וכאמור, אין דעם מאמר גופא האָט דאָס גאָר ר' נתן געזאָגט און מ'האָט דאָס גאָר אַריינגעשטעלט מלכתחילה אין תוספתא און אין אַ ברייתא, לדעת אחרונים אלו,

דערנאָך האָט מען דאָס אַריבערגענומען, ויש אומרים בשם פון דעם בעל המחבר פון "משנת חסידים", אַז ער האָט דאָס אַזוי מפרש געווען, אַז צוליב דערויף האָט מען דאָס אַרויסגענומען פון דער ברייתא, אַריינגעשטעלט אין דער משנה, אַז אף על פי וואָס דער דבר בלייבט דער זעלבער, אָבער דער סיום זאָל זיין מיט ווערטער וואָס זיי זיינען טוב - "עת לעשות להוי'".

על דרך זה אויך אין דעם סיום פון מסכתא ברכות צוזאַמען מיט דער גמרא,

וואָס דאָרטן ענדיקט זיך, אַז ("ילכו מחיל אל חיל", אַז הולכים מבית הכנסת לבית המדרש) ["היוצא מבית הכנסת ונכנסת לבית המדרש ועוסק בתורה זוכה ומקבל פני שכינה, שנאמר ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון"], און דערנאָך זאָגט מען "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך לימודי הוי' ורב שלום בניך, אל תקרי בניך אלא בוניך". דערנאָך ווערן געבראַכט עטלעכע פסוקים, [ווי מ'זאָגט דאָס בכל תפילה בבוקר, אין סיום פון "קוה"], ביז מ'איז מסיים "הוי' עוז לעמו יתן הוי' יברך את עמו בשלום".

פרעגט מען די שאלה: וואָס האָבן דאָ די פסוקים פאַר אַ שייכות?

אמת טאַקע, פריער רעדט זיך וועגן שלום און "ה' עוז לעמו יתן" רעדט זיך אויך וועגן שלום, און מ'לערנט דערפון אַפּ כמה ענינים; ס'האָט אָבער לכאורה קיין שייכות ניט.

- (דאָס) בשעת ער ברענגט דאָס אַלס אַ המשך פון "ילכו מחיל אל חיל", בית הכנסת און בית המדרש - זאָגן זיי, אַז דורך דערויף איז מען מרבה שלום בעולם, וואָס איז אָבער דער גאַנצער סיום? -

דערפאַר וואָס כאמור לעיל, אין "לסיים בדבר טוב" איז אויך דאָ כמה דרגות, און בשעת ס'קומט דערנאָך אַ תוספת דרגא אין טוב - איז מען מסיים דעם ערשטן טוב,

וואָס דאָס האָט מען שוין פון דעם ערשטן פסוק, "רב שלום בניך", ברענגט מען נאָך כמה דרגות אין טוב און אין שלום, ביז מ'איז מסיים "הוי' עוז לעמו יתן הוי' יברך את עמו בשלום".

וואָס אין דערויף איז אויך דאָ דער ענין וואָס מ'איז מקשר דעם סיום מיט דער התחלה, וואָס דער סיום איז דאָך, כאמור, "ילכו מחיל אל חיל", מבית הכנסת לבית המדרש - וואָס דאָס איז דער קשר מיט דער התחלה:

די התחלה פון דער מסכתא איז "מאימתי קורין את שמע בערבין". וואָס וואָס איז קריאת-שמע? - דער ענין פון "בית הכנסת", דער ענין פון תפילה, ווי תוס' ברענגט דאָרטן אַראָפּ.

דערנאָך איז דאָ דער ענין פון "בית המדרש" - ווי די גמרא זאָגט אין מנחות, אַז דוקא ר' שמעון בן יוחאי, וואָס ס'איז געווען "תורתו אומנתו", (ניט מבטל געווען קיינע ענינים) ניט מבטל געווען מתורתו צוליב קיינע ענינים ניט, איז דוקא ר' שמעון בן יוחאי זאָגט, [אַז "אפילו לא קרא אדם אלא קריית שמע שחרית וערבית קיים לא ימוש"], אַז דער וואָס אין בידו לעשות - ליגט אויף אים דער חיוב פון "לא ימוש ספר התורה הזה מפיך יומם ולילה", און ער איז דאָס מקיים.

ווער זאָגט דאָס? - ר' שמעון בן יוחאי! "תורתו אומנתו". ווי אַזוי ער איז דאָס מקיים? - ווען ער איז קורא קריאת-שמע בשחרית ובערבית.

וואָס דאָס איז דער קשר און דער סיום פון "ילכו מחיל אל חיל" בסוף פון דער גמרא פון ברכות מצד עצמה, (קודם פון דעם סיום) קודם פון דער הוספה "כדי לסיים בדבר טוב" בתכלית השלימות, אַז ס'איז דאָ "בית הכנסת" ו"בית המדרש" - וואָס דאָס איז אויך די התחלה פון דער מסכתא, "מאימתי קורין את שמע בערבין", זאָגט ר' שמעון בן יוחאי: אָט דאָס איז ער מקיים מקיים "לא ימוש (בלילה) [. . ולילה]". דערנאָך גייט גלייך נאָך דערויף בנוגע בשחרית - איז ער מקיים "לא ימוש ספר התורה הזה (בבוקר) [מפיך יומם]".

על דרך זה איז אויך איז דאָך דאָ, כאמור, אין בבלי, איז דאָס איז די איינציקע מסכתא וואָס האָט גמרא אין סדר זרעים; אין ירושלמי האָבן אַלע מסכתות גמרא, ביז דער סיום פון די מסכתות אין סדר זרעים, וואָס דאָס איז ביכורים.

[וואָס אין ביכורים איז דאָך דאָ כמה משניות'ן וואָס ס'איז אָפּגעדרוקט ד' פרקים, שרייבן אָבער אַלע, אַז ס'איז דאָ מערניט ווי ג'; דער פרק ד' איז אַ הוספה פון ברייתא. ביז וואַנענט, אַז אין תלמוד ירושלמי ברוב הדפוסים, אָדער בכמה דפוסים, איז גאָר אָפּגעדרוקט מערניט ווי די שלשה פרקים, און ס'איז ניטאָ קיין גמרא אויף פרק רביעי].

וואָס איז דער קשר, כאמור לעיל, אַז ס'איז דאָ אויך דאָ סיום פון קשר סיום הסדר מיט תחילת הסדר, סיי אין משנה און סיי אין גמרא.

איז די משנה ביכורים, אין פרק שלישי, וואָס דאָס איז דער סיום, איז ער מסיים בהנוגע צו דעם ענין הקדשים והביכורים וכו', אַז מ'טיילט דאָס פאַנאַנדערט (כקדשים (בחלק) בקדשי המקדש) ["כקדשי המקדש"].

וואָס דאָס איז דער קשר מיט תחילת (המסכתא) [סדר זרעים], וואָס זאָגט גלייך "מאימתי קורין את שמע בערבין משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן", וואָס דאָס איז "קדשי (הקודש) המקדש".

וואָס דערמיט ענדיקט זיך מסכתא ביכורים - אין בבלי, וואָרט איז ניטאָ אויף דערויף קיין גמרא.

ס'איז אָבער כאמור, אין ירושלמי איז דאָ גמרא אויף מסכתא ביכורים אויך, דאַרף דאָך זיין אַ קשר מיט תחילת (המסכתא) [סדר זרעים].

מיט וואָס איז ער מסיים די גמרא אין ביכורים אין ירושלמי? - מסיים, אַז בשעת ס'איז דאָ איינער וואָס האָט געהאַט אַ ספר-תורה וואָס ער האָט זי באַקומען בירושה מאביו, ס'איז דאָך אָבער דער דין, אַז ער דאַרף שרייבן אַ ספר-תורה לעצמו; אַז ער האָט שוין אַ ספר-תורה לעצמו, איז דאָך דעמאָלט דער תכלית כתיבת הספר-תורה איז דאָך, אַז "כתבו לכם את התורה הזאת" כדי (מ'זאָל מ) מ'זאָל וויסן ווי אַזוי צו מקיים זיין, [ווי אַראָפּגעבראַכט אין פוסקים, ביז ווי דער רא"ש איז דערפאַר מפרש, אַז בזמן הזה איז מען גאָר יוצא (מיט) בשעת מ'שרייבט אָדער מ'דרוקט אַ שולחן-ערוך, וואָס דעמאָלט ווייס ער וואָס צו טאָן], במילא קען ער דעמאָלט פאַרקויפן ספר-תורה שהניח לו אביו, וואָרום ער האָט ספר-תורה שכתב לעצמו.

אמת טאַקע דאָס באַפרייט אים ניט ספר-תורה שה[ניח לו אביו], לאחר אָבער ווי ער האָט שוין געשריבן ספר-תורה לעצמו, קען ער מקיים-זיין "למען ישמעו ולמען ילמדו ליראה ולעשות" - קען ער לכאורה פאַרקויפן ספר-תורה (שכתבה לאביו שהניחה) שירש מאביו,

איז ער מסיים מסכתא ביכורים, אַז "המוכר ספר-תורה [של אביו]" איז האָט ער ניט קיין סימן ברכה, ["אינו רואה סימן ברכה לעולם"].

וואָס ניט חס ושלום ס'פעלט ביי אים; "[אינו רואה] סימן ברכה" איז ניט דער טייטש, אַז מ'נעמט ביי אים עפּעס צו, נאָר אַזוי וואָלט דאָס געדאַרפט צוקומען אַ ברכה; בשעת ער איז מכר ספר-תורה בהיתר, אָבער "[ה]מוכר ס"ת (אין לו) [. . אינו רואה סימן ברכה לעולם]".

דערנאָך איז ער מסיים, [״וכל המקיים ספר-תורה בתוך ביתו״], אַז דער וואָס ער האָט אַ ספר-תורה, און ווי מפרשים זאָגן ער האָט ניט ספר-תורה שהניח לו אביו, איז ״עליו (נאמר צדקתו) [הכתוב אומר] הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד״.

וואָס איז דאָ דער קשר הענינים? זיינען מפרש מפרשים, אַז בשעת ס׳איז דאָ ״הון ועושר בביתו״, אַז ער האָט עושר, דאָס הייסט ער האָט אַ ״סימן ברכה״, פאַרוואָס? - דערפאַר וואָס ער האָט ניט פאַרקויפט ספר-תורה שכתב לו אביו, איז אָט דעמאָלט ״צדקתו עומדת לעד״ איז דאָס אָט דאָס וואָס די גמרא זאָגט אין כתובות, ״הכותב ספרים ומשאילן לאחרים״ איז אָט דעמאָלט ״עליו (נאמר צדקתו) [הכתוב אומר] . . צדקתו עומדת לעד״: ער האָט דאָס אַ שטענדיקע זאַך דעם ספר, און ער מאַכט דערמיט אַ ״צדקה״ וואָרום ״משאילן לאחרים״.

בשעת ער האָט אָבער מערניט ווי איין ספר-תרוה - קען ער ניט זיין ״משאילן לאחרים״, ער דאַרף וויסן וואָס צו טאָן בו ביום אַליין.

בשעת ער האָט אָבער צוויי ספר-תורה׳ס, ״הון ועושר בביתו״ - האָט ער אַ ״סימן ברכה״, ״עושר״, און האָט אויך דעם ענין וואָס ״משאילן לאחרים״ במילא איז ״צדקתו עומדת לעד״.

וואָס על דרך זה געפינט מען אויך [בתחילת סדר זרעים] גלייך אין תחילת המסכתא, און גלייך אין דער ערשטער משנה, איז אַ גאַנצע אריכות אין משנה, אַז ״מאימתי קורין את שמע בערבין״, דערנאָך איז דאָ (ווען) ביז וואַנענט דער סיום פון זמן הקריאת-שמע, איז דער איז, זאָגט רבן גמליאל, ״עד שיעלה עמוד השחר״. די חכמים זאָגן ״עד חצות״.

דערנאָך זאָגט מען, אַז דאָס איז מערניט ווי אַ סייג לתורה, [״כדי להרחיק אדם מן העבירה״], במילא ״אם לא קראתם״ - זאָגט רבן גמליאל - זאָל מען דערנאָך לייענען, אף על פי וואָס דאָס איז נאָך חצות, [״אם לא עלה עמוד השחר חייבין אתם לקרות״], ניט ווי (דעת התנא קמא) דעת החכמים.

וואָס אָט דאָ זעט מען שוין אין דער ערשטער מסכתא (פון די ערשטע) אין דער ערשטער משנה שבה, אַז תורה האָט לכתחילה איינגעשטעלט, [אַז] ס׳איז דאָ תורה און ס׳איז דאָ אַ סייג לתורה.

וואָס מעין זה איז בנוגע צו ביידע ספר-תורה׳ס:

בשעת ער האָט אַ ספר-תורה שכתבה לעצמו - האָט ער מקיים געווען די מצוה פון ״ועתה כתבו לכם את הספר הזה״ במילואו ובשלימותו. דערנאָך האָט מען אָבער געמאַכט: כדי ער זאָל האָבן אַ ״סימן ברכה״, כדי ער זאָל האָבן ״עושר בביתו״, כדי ער זאָל האָבן ״צדקתו עומדת לעד״ - אָט דעמאָלט זאָל ער ניט פאַרקויפן, וועט ער דאָס אויך האָבן. וואָס דאָס איז בדוגמא פון סייג לתורה.

וואָס דאָס איז אויך, כאמור, ווי ס'איז אויסגעהאַלטן די פתיחה צוזאַמען מעין הסיום אויך אין דעם סדר זרעים אין ירושלמי.

וכמדובר אַמאָל דער חילוק פון בבלי און ירושלמי, אַז ירושלמי איז געווען מיט (הונדע) אַן ערך הונדערט יאָר פאַר חותם הבבלי, במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז במשך פון די הונדערט יאָר איז צוגעקומען אין די ענינים וואָס אין ירושלמי שטייען זיי מערניט ווי ברמז אָדער בכללות, און אין בבלי האָט מען זיי מער מפרט געווען בפרטיות יותר ובגלוי יותר,

אַזוי איז אויך אין דעם סיום פון מסכתא ברכות געפינט מען אויך דעם חילוק, אַז (אין בבלי) אין ירושלמי איז ער מסיים מערניט טאַקע ווי מיט דעם ערשטן פסוק, אַז "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם, (שנאמר) [מה טעם] וכל בניך לימודי הוי' ורב שלום בניך". ער זאָגט אפילו ניט קיין "אל תקרי", על אחת כמה וכמה [אַז] ער זאָגט ניט די פסוקים שלאחרי זה. און דאָס איז דער סיום, וואָס אין דערויף איז שוין אויך דאָ דער קשר מיט התחלת הענין.

דערנאָך איז אָבער דאָ ווי ס'איז צוגעקומען במשך פון די הונדערט יאָר, איז אַראָפּגעקומען אין גמרא פון בבלי די אַלע פסוקים וואָס זיי קומען לאחרי זה, וואָס יעדער פסוק איז מוסיף אַ ביאור אין דעם ענין און מוסיף אַ הוספה (אין דעם ענין הסיו) אין דעם ענין הטוב.

על דרך זה אויך בהנוגע צו דעם סיום אין מסכתא נדה, וואָס דאָס איז דער סיום פון די מסכתות שיש בהם גמרא, [און וואָס אין ירושלמי איז אויך ניטאָ קיין גמרא אויף רוב המסכתות פון סדר טהרות, - ס'איז ניט דערגאַנגען דער כתב, מאיזו סיבה שתהי', ווי ס'איז שוין געדרוקט בכמה ירושלמי'ס].

וואָס מיט וואָס פאַרענדיקט זיך דאָרטן? - זאָגט תוס' אויך, אַז דאָס איז "כדי לסיים בדבר טוב", פון "תנא דבי אליהו כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, שנאמר הליכות עולם לו, אל תקרי הליכות אלא הלכות",

וואָס די שייכות צו די פריערדיקע איז מערניט וואָס פריער רעדט זיך אויך וועגן "הלות למשה מסיני", בנוגע צו (לוג שמן) רביעית לוג שמן, בנוגע צו דיני נדה וזבה וכו'; ס'איז דאָך אָבער דעמאָלט ניט געווען "לסיים בדבר טוב" - איז מען מוסיף דעם "תנא דבי אליהו" כדי לסיים בדבר טוב.

וואָס דאָס איז אויך דער קשר מיט די התחלות המסכתות, כמדובר אַמאָל בארוכה.

דערנאָך איז אָבער דאָ נאָך אַ גרעסערער סיום, ווי מ'איז מסיים דעם גאַנצן "סדר", וואָס דעמאָלט איז דער סיום, כאמור לעיל, פון "[אמר] ר' יהושע בן לוי (אמר)" און "[אמר] ר' שמעון בן חלפתא (אומר)", וואָס ר' שמעון בן חלפתא איז מסיים מיט "הוי' עוז לעמו יתן הוי' יברך את עמו בשלום".

וואָס איז דאָ דער קשר מיט התחלת המסכתא? מיט התחלת פון ש״ס, פון ששה סדרי משנה מיט גמרא?

וואָס כאמור לעיל, ווי ער זאָגט אין מדרש [אויף] ״הוי׳ עוז לעמו יתן הוי׳ יברך את עמו בשלום״ איז דאָס ״אין עוז אלא תורה״, און ווי ער זאָגט דאָס אויך אין מסכתא (ברכות) [זבחים], און בשעת ס׳איז געווען מתן תורה, איז דעמאָלט איז געווען אַ גאַנצער טומל ורעש, אַז פחדו אומות העולם און זיי זיינען געקומען צולויפן צו בלעם, צו חכמים שבהם, האָט מען אים געענטפערט, אַז דער אויבערשטער גיט תורה לישראל, האָט מען געזאָגט ״הוי׳ עוז לעמו יתן הוי׳ יברך את עמו בשלום״. (וואָס וואָס איז דאָ דער) וואָס ענינה איז דער ענין פון מתן תורה.

וואָס דערפאַר איז פאַרשטאַנדיק וואָס דערמיט איז מען מסיים ששה סדרי משנה, וואָס דאָס איז כללות הענין פון תורה שבעל פה.

וואָס כללות ענין התורה איז דאָך כמדובר כמה פעמים ווי דער אַלטער רבי איז מבאר באריכה אין אגרת הקודש, פאַרוואָס עפּעס דוקא ״כל השונה הלכות״ איז ״מובטח לו שהוא בן עולם הבא״? און פאַרענטפערט אויף דערויף, אַז דער תכלית ענין התורה איז דאָך, אַז ס׳זאָל זיין ״גדול לימוד שמביא לידי מעשה״; ווען האָט מען אַרויס דעם ״מעשה״ פון תורה, ווי אַזוי צו טאָן בפועל? - אויף דערויף קומען די הלכות.

וואָרום בשעת (ס׳איז דאָ) מ׳פסק׳נט פון דער משנה אַליין, ווערט ער אָנגערופן ״מבלי עולם״; בשעת ער פסק׳נט פון שקלא וטריא שבגמרא, אָדער שבמשנה, אָדער שבברייתא - קען ער נאָך אַלץ ניט וויסן וואָס די מסקנא איז; בשעת ס׳קומט הלכה, ווער רעדט נאָך ״הלכה למשה מסיני״, ווי דער רמב״ם גיט דעם כלל, אַז אין דערויף איז ניט שייך קיין מחלוקת - אָט דעמאָלט האָט ער הלכה פסוקה און ווייס וואָס ער דאַרף טאָן.

וואָס דערפאַר איז דוקא דאָס איז ״מובטח לו שהוא בן עולם הבא״, און דוקא דאָס איז פאַרבונדן מיט ״מאימתי קורין את שמע בערבין״,

וואָס וואָס איז דער ענין פון ״קורין את שמע בערבין״, ווי די גמרא זאָגט אין גמרא דאָרטן? - ענינו איז, אַז ער זאָל מקבל-זיין אויף זיך עול מלכות שמים, במילא וועט ער דערנאָך מקבל-זיין וואָס ס׳שטייט אין פרשה שני׳ - ״עול מצוות״.

ווי אַזוי וועט ער וויסן ווי אַזוי צו טאָן אַ מצוה? - קען ער ניט וויסן פון אַ משנה - דאָס איז ״מבלי עולם״; קען ער ניט וויסן פון שקלא וטריא - ער ווייס ניט די מסקנא, ער איז חריף און קומט נאָך ניט לידי מסקנא, ״עוקר הרים וטוחנן זה בזה בסברא״ און ווייס ניט וואָס די הלכה איז,

בשעת ס׳איז ״השונה הלכות בכל יום״ - אָט דעמאָלט טוט ער אויף דער ענין אַז ער זאָל מקיים-זיין וואָס ער זאָגט אין קריאת-שמע, מקבל זיין אויף זיך סיי עול מלכות

שמים סיי עול מצוות, וואָרום ער ווייס אין וואָס דער עול באַשטייט. וואָס (דאָס איז) אַ חלק פון קריאת-שמע איז דאָך פרשה ראשונה און פרשה שני'.

וואָס דוקא דעמאָלט ווערט דער ענין פון מתן תורה בשלימותה, ווי דער רמב"ם זאָגט אין סיום פון הלכות חנוכה, אַראָפּגעבראַכט פון ספרי, אַז דאָס וואָס ניתנה תורה בעולם איז - כדי "לעשות שלום בעולם".

ווי אַזוי טוט מען אויף שלום בעולם? - דורך מעשה המצוות:

שלום בין אחד לחבירו, צווישן אידן, קען זיין מצד אהבת ישראל. אפילו די וואָס קריגן זיך אין תורה - זאָגט מען דאָך "את והב בסופה", אַז פריער איז דאָ אַן ענין של מלחמה און דערנאָך סופה מאַכט מען שלום זה עם זה;

ס'זאָל זיין שלום אין עניני העולם, אין וועלט-זאַכן - אויף דערויף דאַרף מען האָבן קיום המצוות, אַז בשעת "מעשיך" זיינען "לשם שמים", און "בכל דרכיך דעהו": ער נעמט אַן ענין פון וועלט מאַכט דערפון אַן ענין של צדקה, אָדער (קלף) אַן עור בהמה און מאַכט דערפון תפילין, און "הוקשה כל התורה כולה לתפילין" - מאַכט ער דעמאָלט "שלום בעולם",

וואָס דערפאַר דאַרף ער אָנקומען צו "הלכות", און דעמאָלט קען ער מקבל זיין אויף זיך עול מצוות - וואָרום ער ווייס (וואָס ער דאַרף) וואָס ער איז אויף זיך מקבל.

וואָס דאָס איז אויך, כאמור, אויך דער סיום און דער קשר צווישן די התחלת כל הש"ס וסיומו, און אויך יעדער מסכתא בפני עצמה, און אויך דער חילוק צווישן בבלי וירושלמי.

וכאן המקום אויך להעיר אויף אַ דבר תמוה, וואָס (אין בבלי) אין ירושלמי איז מען מסיים מיט ניט קיין דבר טוב.

אמת טאַקע מ'זאָגט אויף דערויף דער טעם, אַזוי ווי דער כתב-יד איז ניט דערגאַנגען, געגאַנגען פאַרלאָרן וכו', ס'איז דאָך אָבער יעדער ענין בהשגחה פרטית, איז דוקא אין תלמוד ירושלמי, וואָס דאָרטן דאַרף דאָך זיין "אין תורה כתורת ארץ ישראל" - איז בהשגחה פרטית געבליבן אַזוי, אַז דאָרט איז דער סיום אין אַ דבר וואָס ס'איז ניט קיין מסיים בדבר טוב.

וואָס יש לקשר זה דערמיט וואָס ס'איז דאָ צוויי דיעות אין מדרש רבא אין נשא, בהנוגע צו סדר הסדרים: איין סדר איז, ווי ער זאָגט דעם סימן אין תיקוני זהר, "וסימני זמ"ן נק"ט", אַז ס'הויבט זיך אָן מיט זרעים און ס'ענדיקט זיך מיט טהרות. דערנאָך איז דאָ אַ צווייטער סדר, "וסימנך נז"ם קט"ן", אַז ס'הויבט זיך אָן מיט נשים און ענדיקט זיך גאָר מיט נזיקין.

וואָס דעמאָלט קומט אויס, אויב מ׳זאָל זאָגן, אַז דער ירושלמי גייט מיט דער שיטה - איז אפשר לומר, אַז אפשר איז דאָס איז דער טעם קומט אויס, אַז דער סיום איז גאָר אין נזיקין, ניט אין ״נק״ט״ ווי דאָס איז אין בבלי.

ואין כאן המקום להאריך בזה.

מ׳וועט אויך זאָגן, על כל פנים בקיצור, מוסיף זיין אויף אַ דבר נחמד, אַז ס׳איז ידוע, אַז דער רמב״ם בספרו ״יד החזקה״, ״משנה תורה״, איז דער לשון זיינער לשון המשנה. ווי מ׳זעט דאָס בפשטות: אויך אַ לשון קצרה, אויך ניט געבראַכט קיין טעמים, אַחוץ ווי אין געציילטע ערטער, ניט געבראַכט קיין שקלא-וטריא׳ס אָדער ראיות פון פסוקים, אַחוץ ווי געציילטע ערטער,

זעט מען, אַז דער רמב״ם בחיבורו האָט אויך גענומען אָט די שיטה, אַז ביי אים איז דאָ דער סיום מעין הפתיחה, און מסיים בדבר טוב.

ער האָט דאָך פאַנאַנדערגעטיילט ספרו אויף י״ד ספרים, אויף פערצן ספרים, איז פונקט אַזוי ווי ס׳איז דאָ דער קשר פון תחילת כל הספרים מיט סיום כל הספרים - אַזוי איז דאָ אויך דער קשר צווישן דער תחילת הספר ראשון, ספר המדע, מיטן סיום פון ספר המדע, און ס׳איז אויך דאָ דער דיוק פון ״לסיים בדבר טוב״.

וואָס כאמור לעיל, דער רמב״ם איז אומעטום ברענגט ער דאָך ״הלכות הלכות״ בכל הספר,

דערנאָך זעט מען אַ דבר וואָס לכאורה איז דאָס אַ דבר פלא, אַז ס׳קומט צו מסיים-זיין אַ (סדר) [ספר] - איז ער מסיים מיט ווערטער און מיט ענינים וואָס אַמאָל פעלגט מען זאָגן, אַז דאָס איז על-דרך המוסר, על-דרך האגדה,

ווי מ׳זעט דאָס בסיום פון כל ספר שברמב״ם, אַלע פערצן ספרים, איז אין מיטן פון די ספרים ברענגט ער ״הלכות הלכות״; צום סיום פון די ספרים - איז ער מסיים מיט אַ דבר אגודה ״המושכת לבו של אדם״, אָדער ווי מ׳רופט דאָס אָן דרך המוסר, אָדער ווי מ׳רופט דאָס אָן דרך הרמז והסוד וכו׳.

און אויך - מקשר תחילתו בסופו.

און ברענגען לדוגמא - מפני קוצר הזמן - ווי מ׳געפינט דאָס אין ספר המדע, הויבט זיך אָן מיט ״יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע״ אַז ס׳איז דאָ אַ ״מצוי ראשון״ ו״מאמיתת המצאו״ נמצאו כל הנמצאים, [ובהמשך הדברים (רפ״ב): ״היאך היא הדרך לאהבת ויראתו, בשעה שיתבונן האדם במעשיו כו׳ ויראה מהן חכמתו . . מיד הוא אוהב . . ומתאוה תאוה גדולה לידע השם הגדול כו׳״] -

וואָס דערמיט איז ער מסיים גאַנץ ספר המדע, וואָס ס׳ענדיקט זיך מיט הלכות תשובה, ובסופו בהנוגע צו אהבת השם און אהבת התורה, און איז דאָרט מסיים, אַז ווי אַזוי קען

מען קומען צו אהבת השם און אהבת התורה? - דורך דערויף וואָס ער וועט זיך מתבונן זיין און ס'וועט זיין ביי אים חכמה און ס'וועט זיין ביי אים המודיעים, אַלע דריי לשונות פון חכמה בינה דעת, ["אינו אוהב הקב"ה אלא בדעת שידעהו.. לפיכך צריך האדם.. להבין ולהשכיל בחכמות ותבונות המודיעים לו את קונו"] - פונקט ווי אין תחילת ספר המדע, וואָס זיי וועלן אים ברענגען לידע את השם.

וואָס דאָס איז די התחלה.

נאָך מערער - ער איז דער נאָך מסיים: "(כפי) [כמו] שביארנו בהלכות יסודי התורה" - פאַרבינדט דאָס בגלוי מיטן תחילת הספר!

ס'איז אויך על דרך זה, ווי געדעדט פריער דער תחילה פון ששה סדרי משנה ווי ס'איז פאַרבונדן מיט די לעצטע מסכתא, מיט די לעצטע משנה - על דרך זה די לעצטע הלכה אין רמב"ם, אין ספר "יד החזקה" מיט וואָס ענדיקט זיך? - ווי דערמאָנט פריער, אַז לעתיד לבוא, אין ימות המשיח, וואָס וועט דעמאָלט זיין? - "אין שם לא מלחמה לא קנאה ולא תחרות", מיט אַלע ענינים וואָס ער רעכנט אויס,

וואָס וועט דעמאָלט זיין? - ידיעת הבורא ווי ס'קען זיין על ידי הנבראים, ["יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם"] - וואָס דאָס איז דער ערשטער ענין מיט וואָס דער רמב"ם הויבט אָן, אַז מצוה "לידע" דעם אויבערשטן, "שנאמר (ומלאה הוי') [כי מלאה] הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים",

וואָס דאָס איז דער ענין פון דעם ערשטן פרק, וואָס ער שרייבט דאָרטן אויך, (אַז דאָס איז) אַז מ'ווייס ניט זיין מציאות, ["אמיתת הדבר אין דעתו של אדם מבין ולא יכולה להשיגו ולחקרו כו'"], בדוגמא ווי "כמים לים מכסים" - ס'איז אַן ענין וואָס דאיז פאַרבאָרגן, אַז די מציאות זיינע איז (ניט ווי אמיתית המציאות ניט ווי אמיתית כל הנמצאים) ניט ווי מציאות כל הנמצאים, מ'ווייס אָבער מערניט אַז "מאמיתת המצאו" נמצאו כל הנמצאים.

און ווי אַזוי קומט מען אָן? - דוקא על ידי אהבתו ויראתו והתבונן ובחכמה ובדעת,

וואָס דאָס איז אויך ווי ער איז דערנאָך מסיים בסוף ספרו, אַז ס'דאַרף זיין "מלאה הארץ דיעה את הוי'", און פאַר דערויף אויך "חכמים ונביאים"וכו', ביז אין אַן אופן פון "כמים לים מכסים".

ויש להאריך בזה, אַז וויבאַלד אַז "אסתכל באורייתא וברא עלמא" - זאָל אַזוי זיין בפועל, ווי דער רמב"ם איז מסיים, אַז ס'זאָל שוין זיין דער "(ומלאה) [כי מלאה] הארץ דיעה את הוי' כמים לים מכסים",

(דורך דערויף וואָס) דורך (לימוד) הוספה בלימוד התורה, און הוספה אין לימוד התורה אין דעם חלק וואָס איז פאַרבונדן מיט "לידע את הוי'" און ביז אין "אמיתת המצאו".

וואָס דעמאָלט וועט זיין במהרה בימינו ממש דער קיום היעוד פון "קאתי מר" דא מלכא משיחא, לאחרי התחלת פון ימות המשיח, וואָס לא לא נתאוו להם החכמים והנביאים ובני ישראל - מערניט ווי צוליב דערויף, אַז ס'זאָל זיין "לדעת דעת בוראם",

און ס'זאָל זיין ביז אין אַן אופן [פון] "כמים לים מכסים".

לחיים.

אח"כ אמר: מסתמא וועט מען פאַנאַנדערטיילן די צעטלען. לחיים ולברכה.

ניגנו ניגון התוועדות (ששרים אחרי חזרת מאמר).

אח"כ כ"ק אד"ש לקח מסכתא.

שרו ניגון שמחה (דשמח"ת).

• • •

צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה "זה היום תחילת מעשיך".

ניגנו "חיילי אדונינו".

• • •

**שיחה ה.**

מ'האָט דאָך דערמאָנט פריער בנוגע צו דעם אַלטן רבי'ן וואָס ביי אים איז געווען בהדגשה וואָס ער איז געווען - בלשון הש"ס - "עסקן בדברים": בנוגע צו קריאת-התורה, בנוגע צו שחיטה, בנוגע צו שיעורים וכו"כ ענינים, ביז בנוגע אויך צו אַליין מקבץ זיין די אַלע דעות אין הלכה ברורה אין שולחן-ערוך.

וואָס דאָס איז דאָך אין ענין התורה. און על דרך זה אויך אין ענין התפלה - דער צוזאַמענשטעלן - און ווי חסידים דערציילן, צוזאַמענגעקליבן פון זעכציק נוסחאות - אַ נוסח השוה לכל נפש בסידורו, וואָס דאָס איז דאָך גערעכנט איינע פון די צען זכיות, (כמבואר ומסופר) כמסופר ומבואר אויך אין די שיחות פון (נשיאינו) רבינו נשיאינו, ביז צו נשיא דורינו דעם רבי'ן דעם שווער.

וואָס בקשר להאמור לעיל בנוגע צו לימוד תורתו, עד"ז אויך בנוגע לתפילה,

וואָס אע"פ וואָס ס'איז דאָך "נהרא נהרא ופשטא", און ידוע די הוראה פון נשיא דורינו, אַז בשעת עס זיינען געפאָרן זיינע שלוחים צווישן אחינו הספרדים אין מאַראָקאָ וכיו"ב - אויף לערנען דאָרטן תורה בכלל און תורת החסידות במיוחד - האָט מען זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך מתעסק זיין אין הפצת היהדות, אין הפצת המעינות און אין הפצת התורה וכו'; מ'זאָל אָבער נאָך ניט אָנרירן אין "מנהג אבותינו בידינו" וואָס ס'איז געווען אין יענע קהילות קדושות, אין מאַראָקאָ און טוניס וכיו"ב - בנוגע צו זייער נוסח התפילה וכו', מנהגים, אַחוץ אָט די וואָס זיי האָבן אַליין געוואָלט דערנאָך משנה זיין, אָבער ניט (דורך) אין דערויף איז באַשטאַנען די שליחות און אין דערויף איז געווען - פאַרקערט - אַ זהירות מיוחדה.

אעפ"כ, איז דאָך דאָ ענינים וואָס ס'קומט-צו מצד דערויף וואָס הזמן גרמא,

וואָס דערפאַר איז בקשתי - און דער וואָס וויל ניט אָננעמען, זאָל אים זיין צוגעזונט - אַז מ'זאָל נעמען (פון די) בקשר מיט דעם מצב בעולם, ווי דערמאָנט פריער אַז "מלכיות מתגרות זו בזו", ובפרט אין שנים הכי אחרונות, און אין חדשים און שבועות הכי אחרונות, גייט דאָס אין אַן אופן מבהיל,

וואָס אמת טאַקע דאָס האָט אַ שייכות צו ביאת משיח, וואָס דאָס איז דאָך איינע פון די סימנים; ס'איז אָבער מ'האָט שוין יוצא געווען לכאורה לכל הדעות אין אַלע סימנים, אפילו אין דעם סימן פון אופן פון "מלכיות מתגרות", און אעפ"כ גייט דאָך דער מצב אין דעם כיוון ווי מ'זעט דאָס -

מוז מען עפּעס צוגעבן, אָנהויבנדיק, אַז די הוספה זאָל זיין אין אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט בקשה להקב"ה, דאָס הייסט מיט תפילה - אע"פ וואָס ביז איצטער האָט מען זיך אפילו אין דערויף ניט נוהג געווען - וויבאַלד אַז ס'איז צוגעקומען אַ מצב בעולם בכלל, און אויך - במדה ידועה - האָט דאָס אַריינגעדרונגען צווישן אידן. און דאָס איז - דער ענין פון "מלכיות מתגרות".

וואָס די עצה לזה איז דאָך אהבת ישראל, ועל דרך זה דער ענין המנוחה בכלל. וואָס ווען איז שייך אַ מנוחה כדרוש וכדבעי - בשעת "אין שם לא קנאה ולא תחרות" ולא השגת גבול וכו' וכו',

איז דערפאַר וואָלט געווען אַ דבר הכי נכון, בהתאם צו דעם מצב שנשתנה בעולם - און וויבאַלד אַז דאָס רעדט זיך אין אַ מקום וואָס דאָרט איז ניט שייך דער ענין פון "הפסק" - אַז יעדערער, ניט קוקנדיק אויף זיין הנהגה עד עתה, זאָל ער מוסיף זיין אַלס אַ הקדמה לתפילה, אָט דאָס וואָס דער אריז"ל שרייבט דאָס בלאו הכי,

- ס'איז דאָ אָבער דאָ ניט אַלע וואָס דאַוונען אָדער זיינען מתפלל לויט נוסח האריז"ל. (צווישן) על דרך זה ווי ס'איז דאָ אפילו אין נוסח הסידור פון דעם אַלטן רבי'ן כמה מכוונות האריז"ל וואָס ער האָט ניט אַריינגענומען - ער האָט אָבער אַריינגעשטעלט, אַז

אין תחילת התפילה זאָל מען זאָגן - אָט דאָס וואָס שטייט אין כתבי האריז״ל - אַז ער איז (מוכן) מקבל על עצמו לקיים מצות עשה פון ״ואהבת לרעך כמוך״.

וואָס כאמור, (דאָס איז) די הצעה שטאַמט דאָס פון דעם אריז״ל; מאיזו סיבות איז דאָס ניט ביי אַלעמען מתקבל געוואָרן; דער אַלטער רבי האָט דאָס אָבער אַריינגעשטעלט בסידורו השוה לכל נפש, אפילו צו אַזאַ וואָס ״לא ידע מאי קאמר״ בכל עניני התורה, אַז ער זאָל דאָס אויך זאָגן קודם התפילה, וואָס דאָרט איז דאָך ניט שייך קיין ענין של הפסק.

און דאָס איז ביידע ענינים: דאָס איז אַ קשר במיוחד צו עקבתא דמשיחא, ווען ס׳ענדיקט זיך דער גלות, וואָס דער גלות איז דאָך געקומען דורך דעם היפך פון ״ואהבת לרעך כמוך״, ווי די גמרא זאָגט אין יומא - זאָל מען דאָס זאָגן בדיבור, וואָס דיבור אַליין, אַ דיבור טוב, איז דאָך ״קלא בקע רקיעא״, ווי דער אַלטער רבי ברענגט אויך אַראָפּ פון זהר, און ווי אויך פאַרשטאַנדיק בפשטות.

בפרט נאָך, אַז (אידן וועלן דאָס זאָגן) אַ איד וועט דאָס זאָגן באמיתית - ווערט דאָך דאָס אַן ענין פון אַ תורה, און אַן ענין של תפילה, ובפרט נאָך אַז דערנאָך ווערט ער ״מצרפה למעשה״ - ער טוט אַזוי בפועל.

וואָס דאָס איז בתחילת (ה) עבודת התפילה.

ועל דרך זה מוסיף זיין אין סוף עבודת התפילה, וואָס דאָרט איז אויך דער אַלטער רבי מוסיף אפילו אויף סידור האריז״ל, וואָס ניט אין אַלע סידורי האריז״ל שטייט דאָס, אַז סיום עבודת התפילה איז דאָך מיט אמירת ״עלינו״, און דערנאָך זאָגט מען די דריי פסוקים פון ״אל תירא״ ביז דעם סוף פון דריטן פסוק,

וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט ביטול כל הגזירות, ווי ער דערציילט אין אסתר רבא (אין מדרש רבא אויף אסתר), אַז דאָס איז געוועז די דריי פסוקים, וואָס בשעת ס׳איז געווען אַ גזירה און מ׳האָט געזאָגט אַ תינוק ״פסוק לי פסוקיך״ - האָט געזאָגט דער [ערשטער קינד דעם] ערשטן פסוק; אַ צווייטער תינוק דעם צווייטן פסוק, אַ דריטער תינוק דעם דריטן פסוק - איז געוואָרן ״מפי עוללים ויונקים״, האָט מרדכי געזאָגט: ס׳איז אַ זיכערע זאַך, אַז די גזירה איז שוין בטל געוואָרן.

וואָס דאָס איז - כאמור - אין רוב הסידורים ככולם, (האָט דער אַלטער) אפילו אין אַ חלק פון סידורי האריז״ל.

האָט דער אַלטער רבי מוסיף געווען בסידורו - און אַזוי איז דאָ אין איינעם פון די סידורי האריז״ל (זאַלקווא וכיו״ב), אַז דער רש״ל האָט געזאָגט - ר׳ שלמה לוריא - אַז מ׳אָל אויך זאָגן נאָך די דריי פסוקים, דעם פסוק פון ״אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״.

און ווי דער "שער הכולל" - דער זיידע - איז דאָס מבאר, אַז דאָס וואָס ער איז מדגיש אַז דער רש"ל זאָגט אַזוי - וואָרום אין פרי עץ חיים איז דאָס ניטאָ, און אויך אין כמה פון סידורי האריז"ל, האָט ער געוואָלט אָנווייזן אַ מקור לזה.

אָבער (נאָך דערויף) דער אַלטער האָט דאָך [דאָס] אויך געוואוסט; דערפון גופא [איז] (מוכח) מוכרח, אַז כמה סידורי האריז"ל שטייט דאָס ניט - אעפ"כ האָט ער דאָס געזאָגט, אַז דאָס אַ דבר השוה לכל נפש.

וכידוע וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט בנוגע צו חסידות בכלל, אַז דאָס איז ניט אַן ענין פאַר אַ חוג מסויים ביי אידן, נאָר ס'דאַרף זיין "יפוצו" און דאָס וועט אָנקומען - ס'וועט אָנקומען במילא דאַרף מען דאָס מגדיר?? זיין - סוף-כל-סוף צו יעדער אידן און צו אַלע אידן.

איז מהנכון, אַז וויבאַלד אַז ס'איז געוואָרן אַזאַ בלבול בעולם, אַז מ'זאָל אויך מוסיף זיין - ס'איז דאָך אין אַ מקום שאין שייך בו הפסק, בסיום כל סדר התפילה - אויך זאָגן אָט דעם פסוק,

וואָס אָט דער פסוק איז דאָך פאַרבונדן מיט "עמך כולם צדיקים", "אך צדיקים יודו לשמך".

און ווי ער טייטשט-אָפּ בפשטות אין "שער הכולל", די שייכות צו עבודת התפילה, אַז די גמרא לערנט-אָפּ אין ברכות, די שעה שמתבוננים חסידים ראשונים לאחרי עבודת התפילה, שנאמר "אך צדיקים יודו לשמך", עבודת התפילה, און דערנאָך איז "ישבו ישרים" [אַ התיישבות און אַ התבוננות; "ביקש יעקב לישב בשלוה"] "את פניך" - אַ שעה נאָך דערויף,

איז יש אויך לומר, אַז דאָס איז אויך בקשר בפרט נאָך מיטן מצב בעולם איצטער, אַז ס'זאָל זיין דער מצב אין אַזאַ אופן, אַז ס'זאָל זיין מנוחה בעולם ווי ס'קען זיין אין זמן הגלות, ביז מנוחה בשלימות ווי ס'קען זיין בזמן הגלות, במילא וועלן אידן זיצן בשלוה, וועלן זיי קענען זיין "יודו לשמך" - עבודת התפילה, וואָס ס'דאַרף דאָך זיין אָן מחשבות המבלבלות, עאכו"כ מחשבות המדאיגות.

און ס'וועט זיין דער "ישבו ישרים את פניך" - אַ הכנה קרובה, דורך דערויף וואָס מ'וועט מוסיף זיין אין עבודת התפילה, איז דאָך לכל לראש אין ענין התפילה דאָס וואָס מתפלל אַז מ'זאָל קענען מתפלל זיין און מקריב זיין די קרבנות - וואָס "תפילות במקום קרבנות תיקנום" - זאָל מען דאָס קענען מקריב זיין די קרבנות עצמם, און - אין אַן אופן פון "מצות רצונך".

וואָס דעמולט וועט זיין אויך "את פניך": וואו זעט מען די עלי' לרגל, "לראות פני הוי'" - איז דאָס דוקא בבית המקדש.

וואָס דאָס איז, בכללות, אויף די הצעה האמורה, אַז ניט קוקנדיק אויף די הנהגה ביז איצטער, (זאָל מען טאָן) זאָל מען אָננעמען די הצעה פון דעם אריז״ל און פון דעם אַלטן רבי׳ן, אויף זאָגן בתחילת התפילה, די עטלעכע ווערטער וועגן ״ואהבת לרעך כמוך״; בסיום וחותם התפילה - די הצעה פון רש״ל און פון דעם אַלטן רבי׳ן, אַז מ׳זאָל זאָגן ״אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״.

און די החלטה טובה בזה, זאָל שוין אַראָפּברענגען די תוצאות, ווי אָפּגעפּסק׳נט אין שולחן-ערוך, אין הלכות תעניות, אַז בשעת מ׳איז מחליט בזה - ברענגט דאָס שוין דעם נצחון אויף וועלכן מ׳איז מתפלל און מתענה, און ביטול הגזירה, ביז אין אַן אופן של נצחון על ידי מלחמה, און דאָס איז ניט מספּיק, נאָר ביז אַ נצחון על ידי פּדי׳ בשלום,

ובמהרה בימינו ממש.

און דערפאַר אויך וועט מען איצטער, כרגיל, אויך מסיים זיין - לאחרי ברכה אחרונה, כדי ניט צו מבלבל זיין - (פאַנאַנדערטיילן) האָבן אויף דעם ענין הצדקה,

וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט ״פּדה בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי״, טייטשט ער דאָך אין מסכתא ברכות בתחילתה (אין פּרק ראשון), אַז דאָס גייט [אויף] ״העוסק בתורה ובגמילות חסדים ומתפלל עם הציבור״ -

האָט מען דאָך געהאַט דעם ענין פון תורה, דורך חזר׳ן די תורתו פון נשיא דורינו, דעם רבי׳ן דעם שווער, און זיין פאָטער (וואָס אין דערויף איז אויך דאָ אין דעם מאמר ביז מאמרים ופתגמים פון דעם אַלטן רבי׳ן); מ׳האָט אויך דעם ענין התפילה, ובפרט נאָך אַז מ׳וועט דאָך מסיים זיין בשירה, ״שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״ -

וועט מען אויך האָבן דעם ענין הצדקה.

ולפני זה איז דאָך אויך, כרגיל, וועט מען דאָך זינגען דעם ניגון פון דעם בעל הגאולה, בהקדמת הניגון הכנה לזה, ולאחריו - דעם ענין פון בנו אדמו״ר האמצעי.

ויהי רצון, אַז בקרוב ממש זאָל מקויים ווערן, אַז ״בשמחה תצאו״, במהרה בימינו ממש, בגאולה האמיתית והשלימה, על ידי משיח צדקנו.

לחיים.

ניגון ניגון הכנה. ניגון אדה״ז (בבא הרביעית - פעם אחת). ניע זשוריצי כלאָפּצי.

•••

**שיחה ו.**

ס'איז דאָ מסתמא (זיין דאָ) זיין אַ פליאה וואָס על פי רוב די מאמרים פון י"ט כסלו הויבן זיך דאָך אָן מיט "פדה בשלום נפשי", מטעם הפשוט וואָס (דאָס) דער אַלטער רבי איז דאָס מדגיש במכתבו האמור,

איז דאָך כאמור לעיל, אַז אַזוי הויבט אָן נשיא דורנו זיין מאמר אויך פון י"ט כסלו,

און יש לומר, (איינער) על כל פנים בדרך אפשר דער חילוק, אַז י"ט כסלו קען דאָך אויסקומען אין ימות השבוע אין פאַרשידענע טעג:

בשעת דאָס קומט אויס ביום השלישי - איז דעמאָלט איז דאָס פאַרבונדן מיט "פדה בשלום נפשי" ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה ביום הג' באמרו "פדה בשלום נפשי",

און בשעת דאָס קומט אויס ביום הששי, וואָס ביום הששי איז דאָך געווען "זה היום תחילת מעשיך זכר[ון] ליום ראשון", וואָס דאָס איז דאָך געווען ביום הששי למעשה בראשית, און דאָס חזר'ט זיך אַזוי איבער בכל יום ששי בשבוע, [וואָס דערפאַר ווערט דאָך דאָס דער "שירו של יום" פון כל יום ששי בשבוע, "הוי' מלך גאות לבש" - דערפאַר וואָס אַזוי איז געווען בפעם הראשונה כשנברא אדם הראשון, אין ראש השנה בפעם הראשונה, כמבואר ומדובר בכמה מקומות],

וואָס דערפאַר איז דעמאָלט האָט אויך אַן אָרט אויף אָנהויבן, (די) וואָס דאָס ווערט דער "שער" דורכן וועלכע ס'גייט דורך די אַנדערע ענינים, אויך די ענינים פון "פדה בשלום", ווי ער דערמאָנט דאָך אין דעם מאמר לאחרי ההתחלה פון "זה היום תחילת מעשיך" - אויך דער ענין פון "פדה בשלום" מיטן ענין פון שלום, אויך דעם ענין סיום הש"ס, כמדובר און שוין אויך אָפּגעדרוקט אין דעם מאמר פון נשיא דורינו.

וואָס דערפאַר, ווי קביעות שנה זו איז דאָך, אַז י"ט כסלו איז ביום הששי, וואָס "שירו של יום שלו" איז דאָך ווען "הוי' מלך גאות לבש", דעם טאָג וואָס דאָס איז אַ יום "תחילת מעשיך זכרון ליום ראשון".

וואָס לאחרי [וואָס] מ'האָט אַראָפּגענומען אויך אָט דעם העלם והסתר (כ"ק אד"ש צחק), אויב ס'איז געווען - וועט מען מסתמא איצטער זינגען דעם "שיבנה בית המקדש" - דער ענין התפילה, נוסף אויף שאר התפילות,

און דערנאָך אויך, לאחרי ברכה אחרונה, טיילן דורך די "טאַנקיסטן" אַ דאָלער לכל אחד ואחד,

וואָס "פדה בשלום נפשי" איז דאָך דער אַלטער רבי מבאר אין איינע פון די אגרת הקודש שלו, וואָס איז געדרוקט אין תניא, און אין כמה אגרות קודש, אַז דאָס איז

פאַרבונדן מיט ענין הצדקה, ווי ער זאָגט אויך אין דעם מאמר הגמרא, אַז ער איז "עוסק בתורה ובגמילות חסדים",

און אויך מדגיש בזה - די צדקה פאַרבונדן מיט ארצנו הקדושה, דער ענין פון "כולל חב"ד", ועל דרך זה אויך די שאר צדקות פאַרבונדן מיט ארצנו הקדושה.

ועל דרך זה כל עניני תורה ומצוותי',

אָנהויבנדיק פון די מבצעים הידועים - דער מבצע פון אהבת ישראל, ביז אין אַן אופן פון אחדות ישראל, און דער מבצע החינוך עצמו און חינוך זולתו,

און ווי דאָס קומט דערנאָך אַראָפּ אין די מבצעים המפורסמים פון תורה, און תפילין, און מזוזה, און צדקה, און "בית מלא ספרים - יבנה וחכמי'", און כשרות האכילה ושתי', און נרות שבת קודש ויום-טוב, [וואָס דאָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט ערב שבת, וואָס דעמאָלט איז דאָך הדלקת הנרות פון שבת - דוקא בערב שבת], און טהרת המשפחה,

און דער ענין פון (העם הכתוב בספר) ["ימלך עמך הנמצא כתוב בספר"], וכמדובר כמה פעמים,

ועל אחת כמה וכמה דער ענין פון "מיהו יהודי", אַז מ'זאָל אויפהאַלטן דעם גבול און די הבדלה שבין חול לשבת, וואָס דערמיט איז פאַרבונדן אויך, "כל הבדלות חד הן" - דער ענין ההבדלה בין ישראל לעמים און דער ענין ההבדלה בין חול לקודש, מיט כל עניני הבדלה.

און דאָס זאָל בקרוב ממש ברענגען, אַז דורך דערויף וואָס מ'וועט מחזק זיין, על אחת כמה וכמה מבטל זיין כליל, ובדרכי נועם ובדרכי שלום, די גזירה האיומה, שאין כמוה בדורות כל ישראל, זינט ס'איז געווען די גזירה פון גוים, אַז "כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל" - רחמנא ליצלן איז דאָס געוואָרן אַ גזירה פון אידן!

און ס'איז דאָ נאָך אידן, רחמנא ליצלן, וואָס טענה'ן, אַז מצד אידישקייט דאַרף מען אין דערויף גאָרנישט ניט טאָן! ואין כאן המקום להאריך.

ויערה עליהם רוח ממרום, ובדרכי נועם ובדרכי שלום, אַז זיי זאָלן אַרומגיין בחוצות און זיך מתוודה זיין אויפן פשע נורא וואָס זיי האָבן געזאָגט אַזעלכע ווערטער, על אחת כמה וכמה אָט די וואָס האָבן נאָך אויך געטאָן אין דעם, מצד איזה טעם שיהי',

און דער עיקר הטעם - מצד דעם "א-ל זר אשר בקרבך": די גוי'אישקייט וואָס ס'איז גאָ ביי אידן, מצד דערויף וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן זיין לב ניט נאָר מיט אַ חלל הימני נאָר אויך מיט אַ חלל השמאלי, [און דוקא דעמאָלט איז דאָס אַ געזונטער לב, כדי פון דעם חלל השמאלי - זאָל ער איבערמאַכן ס'זאָל זיין "בכל לבבך", מיטביידע

חללים, אויך מיטן יצר-הרע] - איז ער משליט, רחמנא ליצלן דעם חלל השמאלי, מיט ס"מ וכל פמליא דילי', אויף זיין חלל הימני!

און דאָס נאָך מפרסם ברבים, רחמנא ליצלן, אוי לאותה בושה ואוי לאותו קלון ואוי לאותה חרפה ואוי לאותו חילול השם וואָס לא היתה כמוהו!

לכל הפחות געקענט שווייגן.

וכאמור, דאָס איז געזאָגט געוואָרן - - אַזוי איז דאָך דאָ דער כלל, אַז "אל תען", דערפאַר וואָס "כל שכן דפקר טפי", אַז אין דעם ענין זאָל דאָס זיין אין אַן אופן, אַז יערה עליו רוח ממרום וועט אפשר זיך ניט שרעקן פאָלגן דעם אויבערשטן, "ממרום", און ממלא-זיין רצון השם,

וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט חרטה גמורה על העבר,

און וויבאַלד ער האָט מפרסם געווען דבריו של שטות, [וואָרום יעדער ענין וואָס איז היפך פון חכמת התורה, מיט וואָס מ'זאָל ניט וועלן פאַרענטפערן - איז דאָס אַן ענין של שיטות, אַחוץ אַלע ענינים, אַחוץ דעם ענין וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט רוח שטות שנכנסה בו], זאָל דאָס זיין בדרכי נועם, און יערה עליו רוח ממרום, ובפרסום המתאים - פונקט ווי ער האָט זיך משתדל געווען לפרסם קלונו ברבים, ובגלוי, ובדפוס, ובכל התפוצות כולם, מ'זאָל וויסן זיין, אַז פלוני בן פלוני גייט אַרויס במחלוקת נגד "דבר הוי' זו הלכה"!

און יהי רצון, מ'זאָל מערניט דאַרפן רעדן וועגן דעם, וואָרום כולם ידעו, אַז פון די זדונות איז געוואָרן (כזיות) שגגות, און דערנאָך "כזכיות" מיט אַ כ"ף הדמיון, און דערנאָך "זכיות" ממש, וואָרום ער האָט זיך מודה געווען, מיט חרטה גמורה על העבר, על אחת כמה וכמה קבלה טובה על להבא.

און ס'זאָל זיין בקרוב ממש, אַז נעביר את רוח הנצחנות שבעולם,

וואָס דער גאַנצער ענין נעמט זיך פון נצחנות, אָנהויבנדיק פון נצחנות נגד התורה, במילא ווערט דאָס נצחנות נגד "דבר ה'", וואָס תורה, חכמתו של הקב"ה, "אורייתא וקוב"ה כולא חד",

ביז אין אַן אופן, אַז ער וויל אימעצן איינרעדן, אָנהויבנדיק פון זיך אַליין, אַז דאָס האָט עפּעס אַ שייכות צו אידישקייט!

ואין פוצה פה ומצפצף! אָט דער וואָס פאַרשווייגט דאָס - האָט ער אַ חלק וואָס ס'איז עלול רחמנא ליצלן, אַז מאָרגן, אָדער "מחר לאחר זמן", [אויב חס ושלום משיח צדקנו וועט זיך פאַרהאַלטן], זאָל ער דאָס איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל, און מצד דעם ענין הנצחנות - ביתר שאת וביתר עוז!

וואָרום אַזוי איז דער סדר פון דעם "קלוגינקן", אַז בשעת ער כאַפּט איינעם אַריין, איז "היום אומר לו כך והיום אומר לו כך", ביז ווי די גמרא איז דאָרט מסיים וואָס ער זאָגט אים וואָס ער זאָל טאָן מכאן ולהבא.

און יהי רצון, אַז דוקא בדרכי נועם און דוקא מדעת עצמו, און דוקא אין אַן אופן פון מודה על הענין, וואָס דאָס איז דאָך אַ סימן פון היפך ה"גולם" ושטות, וואָס ער איז "מודה על האמת",

און מפרסם זיין דאָס על כל פנים מיטן זעלבן פרסום און נצחנות ווי ער האָט זיך משתדל געווען און אויסגעגעבן געלט, און געגעבן שוחד, און מכריח געווען אַנדערע זאָלן מפרסם זיין דבריו - פאַרלאָזנדיק זיך, אַז פונקט ווי ס'איז געווען בעבר אין פוצה פה ומצפצף על כמה ממעלליו - על דרך זה וועט אויך איצטער זיין אַזוי. היו לא תהי' רחמנא ליצלן! "לא תקום פעמיים צרה"!

ובקרוב ממש זאָל מען (גיין) זוכה זיין, אַז "אמת מארץ תצמח", אַז אין ארץ הקודש, וואָס דאָס איז עיקר ענין ה"ארץ", וועט דאָרטן שפּראָצן און וואַקסן מערניט ווי "אמת" - אמיתה של תורה, "אמת לאמיתתו",

און דערנאָך וועט דאָס זיין אין אַן אופן "שתתפשט בכל הארצות", אַז דאָס וועט נתפשט ווערן "אמת הוי' לעולם" בכל מקום שבעולם, ומתוך שמחה וטוב לבב וועט זיין דער "האמת והשלום אהבו",

ווי מ'זעט דאָך, אַז די אַלע שטותים ושקרים גייען צוזאַמען מיט היפך השלום, מיט היפך אהבת ישראל, מיט פאַנאַנדערשפּרייטן מחלוקת און שנאת ישראל, רחמנא ליצלן, בכל מקום שידו מגעת. וכאמור אין פוצה פה ומצפצף!

און יהי רצון, אַז וויבאַלד ווי דער אַלטער רבי האָט געזאָגט, אַז מ'זאָל זיך אָפּהיטן, ווי ער האָט געזאָגט אין אגרת הקודש בבואו מפטרבורג, אַז "כולי האי ואולי" וועט זיין דער ענין "כמים הפנים לפנים" - זאָל דאָס אויך פועל זיין אויף דעם צד וואָס דערווייל, רחמנא ליצלן, שטייט ער מיט דעם צד פון ס"מ.

און מ'זאָל במהרה בימינו ממש כל ישראל יחד, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", און גדול כוחם של בעלי תשובה, אַז זיי דוקא גייען בראש - וויבאַלד אַז זיי האָבן תשובה געטאָן אַ תשובה שלימה ואמיתית, און (אין דעם זעלבן) "באותו מקום ובאותה אשה" ובאותו פירסום דווי ער האָט געטאָן די ענינים היפך השם,

זאָל דאָס זיין מתוך שמחה וטוב לבב, וואָס דאָס וועט פורץ זיין די גדרי הגלות, אין אַן אופן פון במהרה בימינו ממש, אַז ס'וועט ניט בלייבן קיין שיריים פון גלות, ס'וועט ניט בלייבן קיין שיריים פון שקר, ס'וועט ניט בלייבן קיין שיריים פון שטות, און ס'וועט זיין "ומלאה ארץ דיעה את הוי' כמים לים מכסים",

ובמהרה בימינו ממש, אַז "אתם תלוקטו לאחד אחד": אפילו אָט די וואָס מסיבות שונות ומשונות זיינען געווען "נדחך בקצה השמים", "בארץ אשור" וב"ארץ מצרים" - איז דער אויבערשטער איז "מי יאמר לי מה תעשה", קען ער דאָך מאַכן אָט דעם ליקוט בשעתא חדא וברגעא חדא, זאָל דאָס אַזוי זיין ניט נאָר ביכולת השם, נאָר בפועל ממש,

ו"בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו" וועט קיין איין איד ניט בלייבן אין גלות און אין גוי'אישקייט, און מ'וועט אַלע מקבל זיין פני משיח צדקנו, "ושמחת עולם על ראשם",

במהרה בימינו ממש.

לחיים.

[צוה להשליח-ציבור ר' משה שי' טלישבסקי לנגן "יהי רצון כו' שיבנה בית המקדש במהרה בימינו וכו'".

אח"כ התחיל כ"ק אד"ש לנגן "ניעט ניעט ניקאַוואָ".

• • •

אח"כ אמר: די וואָס דאַרפן מאַכן אַ ברכה אחרונה - וועלן זיכער מאַכן אַ ברכה אחרונה.

• • •

**שיחה ז.**

איצטער וועלן מסתמא אַרויפגיין די "טאַנקיסטן" און נעמען אויף פאַנאַנדערטיילן אַ דאָלער לכל אחד ואחת.

וכמדובר כמה פעמים, אַז דאָ איז ניט נוגע די כמות - ואדרבא, כל המוסיף טוט ער אויף פאַרקערט,

אויף אָפּגעבן דערנאָך דאָס לצדקה, ומה טוב - בתוספת משלו.

און אויך כאמור לעיל איז דאָך דאָס אַ שייכות צו ענין של חנוכה, כמבואר אין אחרונים, אַז בחנוכה האָט מען אויך (מרבה געווען) מוסיף געווען אָדער מרבה געווען בצדקה, נוסף וואָס די שייכות צו צדקה און פון "פדה בשלום".

וואָס אויך כאן המקום להזכיר עוד הפעם, נוסף אויף די מבצעים (שלפני) וואָס דערמאָנט פאַר דערויף, וועגן די הכנות צו מבצע חנוכה אין אַן אופן מסודר, אַז דאָס זאָל אַרומנעמען כל בתי ישראל, אַז אין יעדער אידישע הויז זאָל (זיין) מאיר זיין "על פתח ביתו מבחוץ" אַן ענין פון אַ מצוה-נרות, "נר מצוה ותורה אור", און אין אַן אופן פון מוסיף והולך מיום ליום - "מהדרין מן המהדרין".

ביז וואַנענט אַז דאָס וועט אויפטאָן שוין גלייך בלילה הראשונה, אַז "כליא ריגלא דתרמודאי", ווי חסידות טייטשט דאָס אָפּ, מיוסד אויף קבלה, אַז "תרמוז" איז דאָס אותיות "מורדת", אַז נרות חנוכה טוען אויף, אַז ס'ווערט "כליא ריגלא" פון דער ענין המרידה, און אַלע גייען אין "נר מצוה ותורה אור", ווי די הלכה של תורה, "דבר הוי' זו הלכה".

וואָס דאָס קומט צוזאַמען מיט "דבר הוי' זה הקץ", ווי די גמרא זאָגט אין שבת, אין דעם זעלבן המשך אין דער זעלבער סוגיא,

ואין ענין יוצא מידי פשוטו - דער קץ הימין כפשוטו, גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו,

ו"אראה לכם נרות ציון", ווי ער זאָגט אין ילקוט אין "בהעלותך את הנרות",

ובמהרה בימינו ממש.

לחיים.

כ"ק אד"ש נתן לה"טנקיסטים" שיחיו שטרות של דולר, לתת לכל אחד ואחת שטר אחד של דולר, לתת אותו או חילופו לצדקה, ובהוספה מדילי'.

טרם צאתו התחיל כ"ק אד"ש לנגן "כי בשמחה תצאו".

• • •

ב"ה



# ועד תלמידי התמימים העולמי

770 איסטערן פארקוויי • ברוקלין נ.י.